בס״ד

# הקריה

Hakiryah

אדר תשע״ב לפ״ק

132

קרית יואל יצ״ו

### כעיר שחוברה לה יחדיו:

# הויפנס פון חיזוק פאַר ״קרית יואל״ בני ברק דורך תושבי עירינו ״קרית יואל״ ביים מסע המרומם פון כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

״ווען נישט ׳קרית יואל׳ ווייס איך נישט וואס איך האב אויפגעטון אויף דעם עולם״ איז געווען דער הייליגער אויסדרוק פון מרן רבינו הקדוש והטהור בעל דברי יואל זי״ע ביים מייסד זיין דעם קרי׳ נאמנה ״קרית יואל״ על אדמת ניו יארק רבתי. טראץ וואס דער רבי זי״ע איז געווען דער געוואלדיגער גברא דמארי׳ סייעא, א צדיק אמת וואס בגודל קדושתו האט ער זוכה געווען מטהר צו זיין דעם גאנצן אויר אין אמעריקע, און איבערצודרייען די מגושם׳דיגע אטמאספערע אין ניו יארק, אלס א פלאץ וואו מ׳קען אויפציען ערליכע אידישע דורות, פארט אבער האט דער רבי זי״ע מיט זיין געוואלדיגן ענוות קודש געהאלטן ביי זיך אז ווילאנג ער האט נישט קיין אייגן שטעטל, האט ער נאכנישט משלים געווען זיין עבודת הקודש עלי אדמות.

עס איז קלאר ווי דער טאג, אז אט די פלא׳דיגע ווערטער וואס דער רבי זי״ע האט בשעתו געלאזט פאלן איז נישט געווען אויף לשעתו. מ׳האט נאך דאן בכלל נישט פארשטאנען עומק דבריו הקדושים, ובפרט אז צו יענער צייט איז קרית יואל נאך געווען א קליין שטעטעלע, אן קיין שום ספציעלן כח, און עס האט נאך דאן בכלל נישט אויסגעזען אז דעם רבי׳נס הייליגע פעולות, זיינע גראנדיעזע פראיעקטן און זיין גאנצע מיה און הארוואניע זאל זיך אפשפיגלען אין אזא קליינעם ארטשאפט ווי קרית יואל.

יארן זענען פארלאפן, און וואס א יאר שפעטער, אלס מער צייגט זיך ארויס דער ריינער בליק און ווייטער קוק פון דעם הייליגן צדיק מרן רביה״ק זי״ע. אפגערעדט פונעם פאקט אז ״קרית יואל״ זעלבסט איז אויסגעשטיגן אלס עיר גדולה לאלקים מיט אריבער 4,000 תושבים בליעה״ר, מיט אריבער 23,000 נפשות בליעה״ר וכ״י, א הצלחה וואס בשעתו מיט 38 יאר צוריק ווען מען האט שוין ענדליך אנגעהויבן בויען דעם שטעטל, האט קיינער נישט גע׳חלומ׳ט אז מ׳וועט דערצו אנקומען, אבער נאך פיל מער פון דעם איז קרית יואל אויסגעשטיגן אלס דער צענטראל-פונקט פון די סאטמארער קהלה. קרית יואל איז דער פאן-טרעגער, און דער כח המאחד פון ק״ק סאטמאר, ובפרט אז קרית יואל האט דעם כבוד אז דער מרא דאתרא מרן רבינו הגה״ק שליט״א איז שוכן כבוד בתוכינו, וואס ברענגט אויטאמאטיש אז מכל פינות איז מען פונה קיין קרית יואל, לשמוע את דבר ה׳, עצה והדרכה על כל פרט ובפרט.

### כעיר שחוברה לה יחדיו

דאס אלעס זענען קלארע פאקטן וועלכע זענען שוין פילע מאל איבערצייגט געווארן, אבער מיט אירע שענסטע פארבן איז עס איבערגעצייגט געווארן פארגאנגענעם פרשת משפטים, ווען דער מרא דאתרא כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א האט זיך ארויסגעלאזט אויפ׳ן וועג אריין ארה״ק, אויף א נסיעה פון עטוואס מער ווי א וואך, מיט׳ן איינעם און ריינעם ציל, מחזק צו זיין אנ״ש תושבי ארה״ק וועלכע האבן אזוי שטארק ארויסגעקוקט דערויף, און דערביי איז פילפאכיג פארשטערקערט געווארן דער קשר אמיץ וחזק צווישן אנ״ש תושבי חו״ל און תושבי ארה״ק, ווען בראש המקשרים גייען תושבי קרית יואל וועלכע האבן אויסגעפירט רצון קדשו פון רבי׳ן זי״ע און מחזק געווען די הייליגע מוסדות ביתר שאת ועוז, אויף א פארנעם ווי קיינמאל פריער.

אנדערש ווי געווענליך, ווען דער רבי שליט״א בעט, מאנט און פאדערט אז מ׳זאל נישט מיטקומען אויף זיינע נסיעות סיי-וואו אימער, ובפרט קיין ארה״ק, האט דער רבי שליט״א דאסמאל

(פארזעצונג אויף זייט 17)

### הרחיבי מקום אהל״ך:

# צווייטע געביידע פון בנין ״אשת חיל״ וועט אי״ה צושטעלן נאך 60 פריוואטע שטיבער

עס לאזט זיך שווער גלייבן אז קוים האט מען זיך צוגעוואוינט צום פרעכטיגן ״אשת חיל-אהל חנה רחל״ געביידע אויף חברון ראוד, און שוין גרייט מען זיך צו בויען א פרישע ״אשת חיל״ געביידע, צו קענען אקאמאדירן דאפלט אזויפיל פרויען ווי ביז היינט.

ביים אונטערנעמען די בוי-ארבעט אויפ׳ן ערשטן אשת חיל געביידע, האט מען זיך זיכער נישט גערישט אויף אזא גרויסן פארלאנג, און ס׳איז נישט געווען ערווארטעט אז דער בילדינג וועט איבערגעפילט ווערן עד אפס מקום.

אבער שטייענדיג יעצט בלויז 3 א האלב יאר נאכדעם וואס דער געביידע איז אריין אין דינסט, שטעלט זיך ארויס אז מ׳האט ווייט אונטערגעשאצט דעם געברויך און דעם פארלאנג, נאכדעם וואס מ׳זעהט אז דער ״אשת חיל״ ווערט אויסגענוצט נישט בלויז דורך תושבי קרית יואל, נאר דורך היימישע פרויען פון אלע עקן פון ניו יארק והגלילות, נאכדעם וואס איר גוטער נאמען איז ארויסגעגאנגען איבעראל.

דערפאר האט די הנהלת ״אשת חיל״ באשלאסן זיך גלייך צו נעמען צו די בוי-ארבעט פון א צווייטן בנין פאר׳ן אשת חיל, וואס וועט באהאפטן ווערן צום עקזיסטירנדן געביידע מיט א בריק.

דער נייער געביידע וועט אנטהאלטן 60 נייע פריוואטע שטיבער, אין צוגאב צו די 60 בעטן אינעם עקזיסטירנדן געביידע וואס זענען געווען מערסטנס 2 בעטן אין א שטוב.

דער געפלאנטער אשת חיל בנין וועט באשטיין פון 5 שטאקן. אויף צוויי שטאקן וועלן זיך געפינען די 60 נייע שלאף שטיבער, און אויף די איבריגע שטאקן וועט זיין א לאנטש רום, א לאבי, באזונדערע ״פידינג רומס״, און נאך פארשידענע סערוויסעס וואס וועלן אויסגעארבעט ווערן אין די קומענדיגע חדשים.

(פארזעצונג אויף זייט 21)



# מיטינג פארגעקומען מיט ארומיגע שכנים איבער וואסער פייפליין

- וויטערדיגע טריט פאראויס צום געפלאנטן מאסיוון פייפליין פראיעקט -

אין די פארגאנגענע טעג האט הנהלת קרית יואל געטון א פאזיטיווע שריט, ווען מ׳האט צוזאמגערופן די רעגירונג באאמטע פון די שכינות׳דיגע געגנטער, זיי מיטצוטיילן איבער׳ן פארשריט פונעם וואסער פייפליין וואס וועט האפנטליך בקרוב אנגעהויבן געבויעט צו ווערן.

די ווילעדזש אינזשענירונג פירמע, וואס פארפיגט אויף די ארבעט פון אויסשטעלן דעם בוי-פלאן פאר׳ן פייפליין, האט אראנדזשירט א ספעציעלע מיטינג מיט די באאמטע פון טאון אוו וואודבארי, ווילעדזש אוו וואודבארי, און ווילעדזש אוו הערימאן, פארגאנגענעם מיטוואך פ׳ תרומה, אין די אפיסעס פון די טאון אוו וואודבארי. אויך האט אנטיילגענומען דער אדוואקאט וואס האט רעפרעזענטירט דעם ווילעדזש אוו וואודבארי אין די קלאגעס קעגן דעם פייפליין.

ביי דעם מיטינג האט מען געוויזן פאר די לאקאלע באאמטע דעם פונקטליכן פלאן פון דעם פייפליין, ובפרט די פאזעס וואס וועלן געטון ווערן אין אונזער געגנט און וועלן נוגע זיין די ארומיגע שכנים.

במשך די ערשטע האלבע שטונדע האבן די אינזשענירן געוויזן פונקטליך יעדן דעטאל, וואו מ׳וועט טון וואס, און וויאזוי עס וועט אפעקטירן די באטרעפנדע געגנט.

צווישן אנדערן איז איבערגעשמועסט געווארן דער חלק פונעם פייפליין (גערופן ״טראנסמישאן מעין״) וואס וועט לויפן פונעם ״בוסטער פאמפ סטעישאן״ אין קארנוואל, נעבן דעם רוט 32, און פון דארט צו קאונטי רוט 44 און סעווען ספרינגס ראוד. אויך איז מען דורכגעגאנגען א ליסטע פון וועמען מ׳דארף אלץ באקומען א פערמיט צו קענען אנהייבן מיט די ארבעט, און ס׳איז ארויסגעברענגט געווארן אז דער קאנטראקטער פונעם

(פארזעצונג אויף זייט 22)

# ווילעדזש סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט אַרבעט שוין אויס פּלענער צוצוגרייטן די שטאָט ריין און שיין לכבוד יום טוב פּסח הבעל"ט

ווען די לײַנער וועלן ליינען די שורות וועט מען נאָך זיין אינעם פּורים סעזאָן, אָבער אין די קאָרידאָרן פונעם ווילעדזש סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט אַרבעט מען שוין אויף פּסח.

בעפאָר די ימים טובים לייגט די סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט אַלץ אַראָפּ אַ הערליכע אַרבעט אַהערצושטעלן די שטאָט ריין און ציכטיג לכבוד יום טוב. די פאַרנומענסטע און גרעסטע אַפּעראַציע פון די סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט איז ווי פאַרשטענדליך פאַר'ן יום טוב פּסח, ווי מען שטעלט אַהער אַן אַרבעט לשם ולתפארת. אויך דאָס יאָר אַרבעט מען שוין אויף די פּלענער פאַר פּסח.

די פּסח רייניגונגס אַפּעראַציע הייבט זיך אָן מיט'ן "באָלק" פּיק-אַפּ, דאָס וועט אָנגיין פאַר אַ וואָך-צוויי פון מערץ 26, מאָנטאָג פּרשת צו (שבת הגדול), ביז אַפּריל 3, דאָס איז דער דינסטאָג פאַר ערב פּסח.

דורכאויס די וואָך-צוויי זאָל מען זיכער מאַכן אַרויסלייגן אַלע "באָלק" גאַרבעדזש וואָס מען האָט, סיידן בוי מאַטעריאַל און רעדער וואָס מען זאָל נישט אַרויסלייגן, ווייל דער טראָק וועט דאָס נישט אַוועקנעמען און עס וועט בלייבן אַ שמוץ אין די גאַסן. אויך זאָל מען זיך נישט פאַרלאָזן אויף די לעצטע מינוט אַרויסצולייגן די "באָלק" גאַרבעדזש. ביים אַרויסלייגן די "באָלק" זאָל מען דאָס נישט לייגן פאָרנט פונעם גאַרבעדזש הויז, און אוודאי נישט פאָרנט פונעם גאַרבעדזש קאָנטעינאָר, ווייל עס בלאָקירט די אַלגעמיינע גאַרבעדזש ארבייטער פון אַוועקנעמען דעם גאַרבעדזש.

מען זאָל דאָס לייגן אין די זייט שיין מסודר און נישט צעוואָרפן, אַז מען לייגט אַרויס רעפרידזשירעיטאָרס מוז מען אַראָפּשרויפן אָדער אַראָפּברעכן די טירן, מען זאָל חלילה נישט אַרויסלייגן קיין רעפרידזשירעיטאָרס מיט טירן וואָרום אַ קינד קען דערינען פאַרכאַפּט ווערן און עס קען קומען צו אַ סכנה.

מען זאָל נישט אַריינוואַרפן קיין "באָלק" אין די גאַרבעדזש קאָנטעינאָרס וואָס ווערן אַוועקגענומען דורכ'ן "הייבער" גאַרבעדזש טראָק ווייל דער "הייבער" טראָק איז נישט געמאַכט פאַר קיין "באָלק" פּיק-אַפּ און דאָס צוברעכט דעם הייבער טראָק.

מען קען נאָר אַרויסלייגן "באָלק" ביז מאָנטאָג ביינאַכט פאַר פּסח, דינסטאָג צופרי פאַר פּסח וועט מען צום לעצטן מאָל אויפנעמען די "באָלק", און דאָס וועט זיין די לעצטע מאָל פאַר פּסח וואָס מען נעמט אויף "באָלק" גאַרבעדזש. מען זאָל נישט אַרויסלייגן קיין "באָלק" גאַרבעדזש נאָך דעם טערמין ווייל עס וועט אַזוי בלייבן אויף גאַנץ יום טוב און וועט נישט אַוועקגענומען ווערן.

מיטוואָך און דאָנערשטאָג פאַר פּסח וועלן די גאַרבעדזש טראָקס אַרומפאָרן מיט פאַרגרעסערטע מאַנשאַפטן און מיט מער טראָקס כדי אַוועקצונעמען אַלע גאַרבעדזש, און דאַן איז די צייט אַלע גאַרבעדזש אַרויסצולייגן און נישט וואַרטן ביז די לעצטע מינוט כדי די שטאָט זאָל זיין ריין לכבוד יום טוב.

פרייטאָג צופרי, ערב פּסח, וועלן די גאַרבעדזש טראָקס נאָכאַמאָל אַרומפאָרן כדי אַוועקצונעמען אַלע מיסט, אָבער מען זאָל זיך נישט פאַרלאָזן דערויף, ווייל דאָס איז בלויז אַ גמר, די עיקר אַרבעט פון אַוועקנעמען די גאַרבעדזש לכבוד יום טוב וועט געטאָן ווערן מיטוואָך און דאָנערשטאָג פאַר פּסח.

מען בעט די חשוב'ע איינוואוינער דאָס אין קענטעניס צו נעמען און זיך צושטעלן צום גאַרבעדזש סקעדזשול אַזוי אַז די שטאָט זאָל זיין ריין און אויפגערוימט לכבוד פּסח ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ עיר ואם בישראל ווי קרית יואל.

פון הונטער די קוליסן:

# די מאַסיווע גאַרבעדזש קאָלעקשאָן אַפּעראַציע אין קרית יואל

שטייענדיג יעצט פאַר פּסח ווען די ווילעדזש סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט לייגט אַריין געוואַלדיגע כוחות אין אויפרוימען און אויפריינִיגן די שטאָט גענצליך, האָבן מיר געכאַפּט אַ שמועס מיט די באַאַמטע און מיר זענען געוואויר געוואָרן אַסאַך אינטערסאַנטע איינצלהייטן פון וואָס עס טוט זיך אָפּ הונטער די קוליסן אויפ'ן געביט פון גאַרבעדזש אין קרית יואל.

ווי באַקאַנט, אין בעל הנס מכיר בניסו, און אַ זאַך וואָס פּאַסירט טאָג טעגליך ברענגט נישט קיין התפעלות, און אַ בענעפיט וואָס מען האָט כסדר ווערט געשפּירט ווי אַ זאַך וואָס קומט אַזוי און מען דאַרף דערפאַר נישט דאַנקבאַר זיין.

דערפאַר איז אינטערסאַנט דער פאַקט אַז אַזוי אומבאַמערקט ווערט פונעם שטאָט טעגליך אַרויסגעפירט שווערע צענדליגער טאָנען מיסט, ואין פוצה פה ומצפצף, מען באַמערקט דאָס אפילו נישט, וואָרום עס איז אַן אַפּעראַציע וואָס ווערט דורכגעפירט יעדע נאַכט ווען רוב שטאָט שלאָפט נאָך פעסט.

די זעלטענהייט פונעם "קרית יואל ווילעדזש סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט" איז די פּאָליסי וואָס מען האָט אנגענומען פאַר עטליכע יאָר צוריק - צוליב די מערהייט קינדער געבענטשטע משפחות - אַז אויסער די וויקענד טעג זאָל מען אויפנעמען די גאַרבעדזש "יעדן איינציגן טאָג" פונעם גאַנצן שטאָט, דאָס איז אַ סערוויס וואָס אפילו ניו יאָרק סיטי שטעלט נישט צו. נאָכאַמאָל: "יעדן איינציגן טאָג" ווערט די גאַרבעדזש אַוועקגענומען פון די גאַנצע שטאָט.

און אלעס פאר דעם זעלבן מינומום חודש'ליכן אפצאל, נישט העכערנדיג שוין פאר יארן לאנג, אין איינקלאנג מיט די ווילעדזש פאליסי פון צושטעלן דאס בעסטע און דאס מערסטע פאר די ביליגסטע טעקסעס וואס שייך.

טעגליך איז אין דינסט דריי גאַרבעדזש טראָקס, דאָס זענען צוויי "קוועטשערס", (ד.מ. די גאַרבעדזש טראָקס וואו די מיסט ווערט אָנגעלאָדענט פון הונטן), דאס נעמט אריין דריי ארבייטער פער טראק, און איין "הייבער" טראָק (פאר די גרויסע קאנטעינערס), איין גוי פער טראָק. די סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט האָט אויך עטליכע טראָקס אין רעזערוו צו נוצן אין פאַל אַ טראָק צוברעכט זיך אָדער אין די פאַרנומענע פאַר יום טוב צייטן.

די גאַרבעדזש אויפנעמען אַפּעראַציע הייבט זיך אָן טעגליך בחצות הלילה, דאַן הייבן אָן די טראָקס זייערע רונדן, און ווען דער עולם שלאָפט רואיג אַרבעטן די גאַרבעדזש ארבייטער פעסט און מען נעמט אויף דעם גאַרבעדזש פונעם גאַנצן שטאָט.

ווען אַ גאַרבעדזש טראָק ווערט אָנגעפילט פאָרט דאָס צו אַ "טראַנספער סטאַנציע", וואו די גאַרבעדזש ווערט אויסגעגאָסן און אַריבערגעפירט דורך טראַקטאָרן צו טרעילאָרס וואָס פירן דאָס אַוועק צו די לענדפילס. געוויינליך צאָלט דער ווילעדזש דעם פּרייז פאַר'ן גאַרבעדזש - וואָס ווערט גערעכנט פער טאָן - ביים טראַנספער סטאַנציע, און די טראַנספער סטאַנציע פירער ספּראַווען זיך מיט'ן אַרויסשיקן דאָס גאַרבעדזש ווייטער צו די לענדפילס. די אַרבעט פונעם ווילעדזש'ס סאַניטאַציע מאַנשאַפט ענדיגט זיך ביים טראַנספער סטאַנציע.

אין אַ געוועגליכן טאָג טראָגט מען אַוועק איבער 40 טאָן גאַרבעדזש פונעם שטאָט, מאָנטאָג איז דאָ אסאַך מער גאַרבעדזש צוליב דעם שב"ק און זונטאָג וואָס מען האָט נישט אויפגענומען די גאַרבעדזש, און אין אַ מאָנטאָג טאָג קען מען אַוועקטראָגן אַזויפיל ווי 80-90 טאָן גאַרבעדזש.

אַ טראָק קען טראָגן ביז 15 טאָן גאַרבעדזש אויפאיינמאָל און דערנאָך דאַרף דאָס אַוועקפאָרן צום טראַנספער סטאַנציע אויסצולאָדענען דעם לאַסט. אַמאָל פלעגט דער ווילעדזש טראָגן די גאַרבעדזש צום גאָשען טראַנספער סטאַנציע וואָס באַלאַנגט צו אָראַנדזש קאַונטי, אין די לעצטע פאָר יאָר האָט מען געטוישט צו נוצן דעם טראַנספער סטאַנציע פון ראַקלענד קאַונטי אין הילבורין, אַצינדער איז דאָ פּלענער אויפ'ן טיש צוריקצוגיין צו גאָשען, ווי פאַרשטענדליך ווענדט זיך דאָס אַלעס וואו דער ווילעדזש וועט באַקומען דעם ביליגסטן פּרייז פער טאָן.

אָט אַזוי גייט טאָג טעגליך אָן אַ מאַסיווע אַפּעראַציע, סיי אויף די גאַסן דורך די טראָקס און ארבייטער, און אויך אינעם אַדמיניסטראַטיוון אָפּטיילונג וואו מען באגלייט אַלעס און מען פירט דורך אַלע אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס פון אַזאַ ריזיגע סאַניטעישאַן דעפּאַרטמענט. אויך דאַרף מען אויפהאַלטן אַ מעכאַנישן אָפּטיילונג זיך אָפּצוגעבן מיט די טראָקס צו טאָן די נויטיגע אויפהאַלטונג אַרבעט און פאַרריכטן ווען עס פעלט זיך אויס.

ס"ה פאַרמאָגט די סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט אַ שטאַב פון באלד אַ צוויי צענדליג ארבייטער, עטליכע אין אָפיס און די פילע ארבייטער אויפ'ן פעלד. דאָס איז אויסער די אַפּעראַציע וואָס ווערט אָנגעפירט דורכ'ן פּאָבליק וואָרקס דעפּאַרטמענט אין וועלכע מען האַלט אויף אַ שטאַב מיט גוים וואָס גייען אַרום אַגאַנצן טאָג אין שטאָט אויפקלויבן די קליינע שטיקלעך מיסט אויף די גאַסן.

# "ועד העירוב" באגעגנט זיך מיט אומצאליגע פעלער פון סייעתא דשמיא אין לויף פון אחריות'דיגע ארבייט אין די ווינטער חדשים

### ועד העירוב טוען ווידערהאלן בקשה פאר איינוואוינער, איינצומעלדן סיי וועלכן פראבלעם מיט'ן עירוב אויף דעם ספעציעלן נומער 261 # 845-492-3261

אויב איז די הייליגע ארבייט פון דעם "ועד העירוב שע"י הנהלת הקריה" ברייטפארצווייגט אין יעדן ערב שבת במשך דעם גאנצן יאר, איז דאס ווי פארשטענדליך פילפאכיג מער אין די ווינטער חדשים ווען די שווערע וועטערס שטעלן אין א געפאר דעם עירוב, און מען דארף האלטן א שטארקן עינא פקיחא אויף דעם גאנצן עירוב ארום אזא גרויסן שטאט אז אלעס זאל זיין אויסגעהאלטן אן קיין שום פראבלעם.

דער ועד העירוב וועלכע פארן ארום יעדן ערב שבת און צומאל אויך אינמיטן די וואך ווען עס פעלט זיך אויס עפעס צו פארעכטן פארציילן אונז איבער אויסטערלישע פעלער פון סייעתא דשמיא וואס באגלייט די הייליגע שטאט קרית יואל, אז מען זאל קענען אפהיטן דעם שבת כהלכתו.

אין די פארלאפענע וואכן האט זיך געמאכט אז מען האט געהאט א פראבלעם מיט'ן עירוב אויף א געוויסן ארט, דורך א טרעקטאר וואס האט דארט דורכגעפירט קאנסטראקשן ארבעט, מען האט דאס דאנערשטאג פארראכטן, און פרייטאג האט מען ליתר שאת נאכאמאל אהין געפארן צו יענעם ארט זיכערמאכן אז אלעס איז בסדר, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער עירוב איז ווידעראמאל פסול געווארן און מען האט עס צייטליך פארראכטן נאך בעפאר שבת קודש.

דער פראבלעם פון קאנסטראקשן ביי די ערטער וואו עס לויפט דורך דער עירוב, איז פון די גרעסטע פראבלעמען וואס מאכן זיך ביי דעם עירוב, ובפרט ווען דאס איז א פריוואטער יחיד וואס פירט דורך א קלענערע ארבייט אן דעם וואס מען זאל וויסן דערפון, דער ועד העירוב טוט טאקע שטענדיג מעורר זיין אז איידער מען פירט דורך קאנסטראקשן אין אזעלכע געגנטער זאל מען זיך פארבינדן מיט'ן ועד העירוב, כדי עס זאל ח"ו נישט ארויסקומען קיין מכשול.

דער ועד העירוב גייען טאקע ארום צו די אלע קאנסטראקשן ערטער יעדן ערב שב"ק, לעצטנס איז דאס שטארק אקטועל ביי שכונת ברך משה, וואו מען בויעט אצינד דעם נייעם "ביהמ"ד ישמח משה דקיט"ל" און אזוי ווי דאס ווערט געבויעט נעבן דעם ארט וואו עס לויפט אריבער דער עירוב, דעריבער ווערט דאס פלאץ באזונדער איבערגעקוקט אז דער עירוב זאל זיין אויסגעהאלטן אן קיין חששות.

ווי באריכטעט מיט א צייט צוריק איז אינסטאלירט געווארן ספעציעלע שילדן וואס מעלדן איין איבער די גרעניצן פונעם עירוב, די שילדן פארמאגן אויך א נומער וואו מען קען אריינרופן אויב מען באמערקט א פראבלעם מיט'ן עירוב.

מיט עטליכע וואכן צוריק איז דאס צונוץ געקומען, ווען דער עירוב האט זיך צובראכן ביי א שארט קאט וואס לויפט צווישן ד"א ווידער בולעווארד און די אווערפעס אויף פארעסט ראוד, און א דאנק דעם וואס א פארזיכטיגער איינוואוינער האט אריינגערופן האט מען דאס תיכף ומיד פארראכטן, צום ערשט מיט א צייטווייליגע צורת הפתח, און דערנאך האט מען דאס פארראכטן פערמענאנט מיט א שטארקן אייזערנעם צורת הפתח.

אצינד פלאנירט דער ועד העירוב אז די שילדן זאלן אויך ווערן געשריבן אויף די ענגלישע שפראך, וואס זאל געבן צו פארשטיין פאר די נישט אידישע קאנסטראקשן ארבייטער אז דער צוים איז א וויכטיגע זאך פאר די שטאט, און מען זאל דאס נישט שעדיגן אויב עס איז נישט וויכטיג, און איידער זיי ווילן צורירן צום צוים זאלן זיי זיך פארבינדן מיט'ן ועד העירוב.

אין לויף פון דעם ווינטער האט זיך אויך געמאכט פארשידענע אנדערע קאמפליקאציעס ווען דער "עירוב טראק" האט זיך צובראכן, און מען האט זיך נישט געקענט באנוצן מיט דעם הייב מאשין וועלכע טראגט ארויף די עסקנים צו די הויכע שטאנגען פון דעם עירוב, די הנהלת הקריה האט אריינגעלייגט אסאך געלט צו פארעכטן דעם מאשין וועלכע פונקציאנירט שוין געהעריג ב"ה.

א צווייט מאל האט פאסירט ווען דער גאנצער טראק האט אויפגעהערט צו ארבעטן אינמיטן די ארבעט פון ערב שבת, מען האט תיכף געמוזט פארשאפן א צווייטן טראק וואס מען האט גענוצט צייטווייליג ביז דער עירוב טראק איז פארראכטן געווארן.

שמחים לשמרו ולערב עירובו.

# געהויבענע מעמד קביעות מזוזה וחינוך ביהמ"ד החדש "דברי יואל דקיט"ל" אויף פראג בולעווארד

## פייערליכער מעמד הכנסת ס"ת געפראוועט דורך מתפללי הביהמ"ד

מיט א געהויבענעם שטימונג האבן די איינוואוינער פון די גאסן פון פראג און יואל קליין בולעווארד זיך פארזאמעלט צו דעם מעמד קביעות מזוזה ופתיחת שערים פון דעם נייעם ביהמ"ד לתורה ולתפלה "ביהמ"ד דברי יואל דקיט"ל" - לזכר נשמת מרן רבינו הקוה"ט זי"ע מחולל ומייסד עירנו קרית יואל יצ"ו - וואס איז אויפגעבויעט געווארן אינאיינעם מיט'ן אויפבוי פון די נייע דעוועלאופמענטס אין די געגנט לשמחת לב תושבי השכונה.

ווי שוין באריכטעט אין פריערדיגן נומער פון הקריה, איז דער ביהמ"ד אויפגעבויעט געווארן אין דעם ניי געבויעטן דירות קאמפלעקס וואס איז געבויעט געווארן אויף דעם גאס דורכ'ן אונטערנעמער הרה"ח ר' משה מרדכי מייערס הי"ו, וועלכער האט צוגעשטעלט דאס פלאץ פאר די איינוואוינער, און גלייכצייטיג האט ער זיך אוועקגעגעבן מיט געטריישאפט אהערצושטעלן דעם מקום אויפ'ן בעסטן און שענסטן אופן לתועלת התושבים שיחיו.

בברכת קדשו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א איז נתמנה געווארן הרה"ג רבי דוד יצחק ווערצבערגער שליט"א אלס מו"ץ אינעם ביהמ"ד, לשרת את הציבור בדבר ה' זו הלכה. אזוי ווי עס איז איינגעפירט געווארן מאז ומקדם ע"י רבותיה"ק זי"ע, אז אין יעדן ביהמ"ד פון אנ"ש זאל זיך געפונען א מורה הוראה אויפ'ן ארט, להורות את בנ"י לדעת את המעשה אשר יעשון.

פארגאנגענעם זונטאג נאכט פרשת בשלח איז פארגעקומען דער גרויסארטיגער מעמד קביעות מזוזה וחינוך ביהמ"ד בהשתתפות כ"ק מרן רבינו שליט"א, דער רבי שליט"א האט קובע געווען א מזוזה אויפ'ן הויפט אריינגאנג צום ביהמ"ד, און דערנאך זענען מכובד געווארן מיט'ן קובע זיין אנדערע מזוזות די חשוב'ע ראשי הקהלה און דער חשוב'ער נדבן הרה"ח ר' משה מרדכי מייערס הי"ו.

דערנאך איז געפראוועט געווארן א שיינער מסיבת לחיים, וואו דער רבי שליט"א האט ווארעם אנגעוואונטשן פאר'ן מו"ץ הביהמ"ד הרה"ג רבי דוד יצחק שליט"א ער זאל האבן די זכיי' צו מרומם זיין דעם כח התורה אין דעם ביהמ"ד. ווי אויך האט דער רבי אנגעוואונטשן פאר הגה"צ ר' חיים יוסף ווערצבערגער שליט"א פאטער פונעם מו"ץ הביהמ"ד, און פאר זיין שווער הרבני הנגיד ר' דוד עקשטיין שליט"א ראה"ק דקהילתינו הק', און פאר'ן חשוב'ן נדבן הרה"ח ר' משה מרדכי מייערס הי"ו.

דאן האט אויפגעטרעטן מיט א קורצע דרשה הרבני הנגיד ר' מאיר הירש הי"ו מראה"ק ומנהל מוסדותינו הק' וועלכער האט ארויסגעברענגט די

(פארזעצונג אויף זייט 22)

# "פובליק סעיפטי שבת סטעישענס" אין צוויי עקן פון די שטאט אריין אין קראפט בשעטומ"צ

קרית יואל. - ווי שוין געמאָלדן אינעם פאָריגן נומער פון "הקריה", האָט דער ווילידזש באַוויזן אהערצושטעלן א פרישע סערוויס און צושטעלן די נויטיגע פאָנדן, כדי צו קענען אויפשטעלן צוויי נייע פּובליק סעיפטי בודקעס, ספּעציעל פאַר שבת קודש, ביי די צוויי עקן שטאָט, אויף שכונות ברך משה און שכונת עצי תמרים, און אַצינד זענען שוין גרייט די צוויי סטעישענס במלוא הדרם.

דער ווילעדזש הערט שוין צוריק גאָר געוואונטשענע גריסן פון די איינוואוינער אין די געגנטער און אין די אַרומיגע גאַסן, אַז עס קומט זייער שטאַרק צוניץ און העלפט אַרויס מיט סיי וועלכע שוועריגקייטן עס מאַכט זיך אום שבת, ווען מען האט אין שטוב א חולה ל"ע אדער פאר א צורך ווי קליינע קינדער וכדו'.

זינט דער ווילידזש האָט אויפגעשטעלט דעם פּובליק סעיפטי בודקע ביים פּאַרקינג לאַט קעגנאיבער דעם בית המדרש הגדול, איז עס ממש פארוואנדעלט געוואָרן אין א צענטער-פּונקט פונעם שטעטל, וואָס יעדער איינוואוינער ווייסט אַז פאַר סיי וואָספאַראַ וויכטיגע הילף מען דאַרף האָבן אום שבת און יום טוב, קען מען אהינקומען, און די פּובליק סעיפטי שיקט גלייך עמיצן צום ספּעציפישן אַדרעס און די הילף ווערט צוגעשטעלט שנעל און גענויט.

מיט דער צייט האָט זיך דער שטעטל אויסגעברייטערט און פאַרגרעסערט ביי אַלע עקן און נייע געגנטער זענען געבויעט געוואָרן, מיט פילע פרישע הונדערטער אידישע פאַמיליעס. דאָס האָט געברענגט א פּראָבלעם אַז דער הויפּט פּובליק סעיפטי בודקע איז אויסגעוואַקסן און האָט מער נישט

(פארזעצונג אויף זייט 21)



# פּובליק-סעיפטי צענטראַלע סטאַנציע און פּאַרקינג לאַט אריין אין באַנוץ



דער פובליק סעיפטי צענטראלע סטאנציע און פארקינג לאט וואס ווערט אצינד אהערגעשטעלט אויף פארעסט ראוד

קרית יואל. - ווער עס פאָרט אַריבער אין די טעג ביי פאַרעסט ראָוד נעבן דעם אָווערפּעס, האַלט מיט די פאָרשריט וואָס עס ווערט געמאַכט מיט די אַרבעט ביים נייעם צענטראַלע סטאַנציע און פּאַרקינג לאַט וואָס ווערט אַצינד געבויעט פאַר די "פּובליק סעיפטי". אַצינד איז שוין די סטאַנציע פולקאָם גרייט צום באַנוץ און עס ווערט נאָר געמאַכט די לעצטע צוגרייטונגען אַז עס זאל שטיין גרייט אויפצונעמען אַלע קאַרס און טרעקלעך, בעריקעידס, לייט טאוערס אד"ג, פון די פּובליק סעיפטי דעפּאַרטמענט.

אין לויף פון די יאָרן, מיט די וואוקס און הרחבת גבולי הקדושה אין אלע ווינקלען פון די שטאט, האָט די פּובליק סעיפטי שטאַרק אויסגעברייטערט איר פלאָטע פון אויטאָס, סיי מיט די קליינע אויטאָס וועלכע פאָרן אַרום די שטאָט צו פּאַטראָלירן און שטיין גרייט צו העלפן

(פארזעצונג אויף זייט 21)

# אינהאלט


סעקשן 8 אפדעיט....4

מצילי אש אפטיילונג....5

חברים נאטיצן....8

ביהמ"ד דברי יואל....13

נסיעת רבינו שליט"א לארה"ק....14

בריוו פון תושבי הקריה....19



"הקריה"

HAKIRYAH

3 Chevron Rd. #3A

Monroe, NY 10950

**Fax:** 845-774-7945

**Email:** hakiryah@gmail.com

אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע, ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן וויאזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע, ביטע שיקט אריין אויף דעם אויבנדערמאנטן אדרעסס. אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג.



Not responsible for typographical errors or opinions expressed by the writers or advertisers. No part of this publication may be reproduced in any form without written consent of the publisher.



גייענדיג צום דרוק:

הולכים בערכאות אפעלירן זייער דורכפאל צום "קארט אוו אפיעלס" - קרית יואל ווילדזש האט א חודש צייט אפצוענטפערן די קלאגע

פון ר"ח תמוז תשע"א ביז ר"ח אדר תשע"ב:

# 330 מחותנים דאנקבאר פאר'ן ווילעדזש איבער "מערידזש לייסענס" סערוויס

אין די טעג ווערט אפגעצייכנט 9 חדשים - א דריי-פערטל יאר - זינט די ווילעדזש האט אנגעהויבן צוצושטעלן די פרישע סערוויס, אז מ'קען ערלעדיגן דעם "מערידזש לייסענס" דאהי אין שטאט און מ'דארף נישט ארויספארן אינדרויסן פון שטאט, וואס דאס איז געווען פארבינדן מיט פילע פראבלעמען ברוחניות ובגשמיות.

פארגאנגענעם ר"ח תמוז איז צום ערשטן מאל צוגעשטעלט געווארן דער סערוויס, און ביז היינט זענען שוין סערווירט געווארן דורך דעם 165 נייע פארפעלקער, וואס דאס מיינט אז 330 מחותנים זענען גאר דאנקבאר פאר די געוואלדיגע הילף וואס דאס איז זיי געווען בעת שמחתם.

אין צוגאב צו תושבי קרית יואל, זענען א גרויסע טייל פון די מחותנים געקומען פון אנדערע שטעט ווען זיי האבן זיך דא געפונען אין די געגנט, אדער אפילו ספעציעל ארויסגעקומען פאר דעם צוועק פון מאכן דעם מערידזש לייסענס, ווי דער געזעץ לויטעט אז די מערידזש לייסענס קען מען מאכן אין סיי וועלכע באשטעטיגטע אפיס אין די סטעיט, אפגעזען וואו אין די סטעיט די חתונה קומט פאר, דערפאר האבן אסאך אידן פון אויסער די שטאט געטראפן פאר פאסיג צו קומען צו די איינציגסטע אפיס אין די סטעיט וואו דער מערידזש לייסענס ווערט דורכגעפירט דורך היימישע אידן אין א היימישע אטמאספערע.

דער דורכברוך צו קענען אליין פראצעסירן מערידזש לייסענסעס, איז געקומען נאכדעם וואס מ'האט געארבעט א לענגערע צייט צו קענען דורכברעכן די לעגאלע און ביוראקראטישע פראבלעמען און פארשריפטן, אז דער טאון זאל מסכים זיין צוצושטעלן א באזונדערע "מערידזש לייסענס" אפטיילונג אינעם ווילעדזש אפיס, אויסער זייער הויפט אפיס אינעם טאון, און אז דער ווילעדזש קלוירק ר' גדלי' סעגעדין הי"ו זאל עמטליך דינען אלס דעפיוטי טאון קלוירק צו קענען באשטעטיגן און זיגלען די מעירדזש לייסענסעס דא אין ווילעדזש אפיס.

די ווילעדזש האט געארבעט אינאיינעם מיט די טאון קלוירק ביעמס, וואס זי איז גרייט געווען אויסצושטיין די בזיונות און קריטיק וואס דאס האט איר געברענגט פון די גוי'אישע איינוואוינער, ווי ס'האט זיך טאקע ארויסגעשטעלט אז אויסער די העצערי וואס זי איז אויסגעשטאנען אין די צייטונגען און פון די מידיא און מ'האט איר כסדר אראפגעריסן ביי די טאון מיטינגען, האט מען אויפגעברענגט די טעמע ביי די פאריעריגע נאוועמבער וואלן, אלס איינע פון די באוויזן אז די טאון קלוירק סערווירט אויך די חסיד'ישע אידן אין קרית יואל און דערפאר זאל מען שטימען קעגן איר.

ס'איז זעלבסטפארשטענדליך אז טאקע ווייל זי האט אזויפיל געליטן בלויז צוליב איר הילף פאר קרית יואל, איז די שטאט ארויסגעקומען מיט א "בלאק וואוט" איר צו שטיצן אינעם פארמעסט, און זי האט טאקע געווינען מיט א שטארקע מערהייט, ווען איבער 80 פראצענט פון די קרית יואל'ער שטימען זענען געגאנגען פאר'ן אמטירנדן טאון קלוירק, און עס האט זיך נאכאמאל ארויסגעוויזן "דער סימבאל פון אחריות פונעם יחיד פאר'ן ציבור".

נאך א קורצע צייט וואס דער סערוויס איז שוין אנגעגאנגען אין פולן קראפט, האט מען אנגעהויבן צו ארבעטן אויף נאך א וויכטיגן פרט, נוסח "קרית יואל" אז ווען מ'שטעלט צו א סערוויס זאל עס שוין זיין בשלימות. עס האט זיך געהאנדלט פון די שוועריגקייטן וואס ס'איז געווען ביז יעצט, אז די חתן-כלה האבן זיך געדארפט טרעפן אינעם טאג פונעם מערידזש לייסענס, וואס ביי חסיד'ישע אידן פירט מען זיך דאך אז מ'טרעפט זיך נישט פונעם שידוך ביז די חתונה בשעטומ"צ.

דאס איז אויסער די גשמיות'דיגע שוועריגקייטן פון צוזאמברענגען ביידע צדדים אינעם ווילדיזש אפיס אין די זעלבע צייט, ובפרט ווען דער חתן און כלה וואוינען אויף צוויי באזונדערע פלעצער.

דערפאר האט מען אויסגעארבעט מיט'ן טאון - אויסגעהאלטן הונדערט פראצענט לויט די געזעצליכע פארשריפטן - אז צוליב די אייגנארטיגע געברויכן פון חסיד'ישע אידן זאל מען קענען דאס איינטיילן אין צוויי באזונדערע טעג, ד.ה. אז איין טאג זאל קומען דער חתן און די אנדערע טאג די כלה, און די ווילעדזש זאל אזוי קענען ארויסגעבן דעם מערידזש לייסענס.

דער נייער סערוויס האט צוגעלייגט א פרישע אויסגאבע צום יערליכן ווילעדזש בודזשעט, סיי די טאג-טעגליכע ווירטשאפט, און סיי דאס איינשטעלן דעם סערוויס, צושטעלן א באזונדערע קאמפיוטער מיט טייערע פראגראמען פאר דעם צוועק, טרענירן די ווילעדזש איינגעשטעלטע אא"וו, אין די צייט וואס די אפצאל וואס די רעגירונג פארלאנגט פאר דעם סערוויס גייט ווייטער בלויז פאר'ן טאון אזוי ווי ביז היינט.

אבער טראץ די פרישע קאסטן איז די הנהלת הווילעדזש געווען צופרידן צוצושטעלן דעם סערוויס, ווייל דאס איז דאך דער ציל פונעם "קרית יואל ווילעדזש" וואס איז געגרינדעט געווארן מיט'ן איינעם ציל צו קענען באקומען יעדע סארט סערוויס וואס א רעגירונג קען צושטעלן אויף א היימישן אופן ווי ווייט מעגליך און אין א היימישע אטמאספערע, וואס דער קידוש ה' וואס קומט ארויס פון דעם קלינגט טאקע אפ אינעם גאנצן לאנד בכלל און אין פאליטישע קארידארן בפרט, וואס דאס קומט צום אויסדרוק ביי יעדן באגעגעניש צווישן די ווילעדזש באאמטע און אנדערע פאליטישאנס, און דער נאמען פון רבינו הק' מייסד הקרי' זי"ע ווערט דורך דעם נתקדש און מכובד.

**ארענדזש קאונטי סעקשאן 8 וועיטינג ליסט אפדעיט:**

# גורל אויף נאנט צו 8,000 סעקשאן 8 אפליקאציעס דורכגעפירט דורך פעטסטאון אגענטור

**3,500 אפליקאציעס ווערן ארויסגעצויגן; אנגעהויבן לאנגע פראצעדור פון דורכגיין אפליקאציעס**
**ווילעדזש "קאמיוניטי סאשעל סערוויס": איינמעלדן א טויש אין סטאטוס קען ברענגען פארצוג אינעם וועיטינג ליסט**

די "פעטסטאון" אגענטור - די פעדעראלע האוזינג אפטיילונג אין אראנדזש קאונטי - האט געמאלדן, אז זיי האבן שוין דורכגעפירט דעם גורל אויף די אפליקאציעס וואס זענען אריינגעגעבן געווארן דורך טויזנטער אפליקאנטן וועלכע האבן געזוכט ארויפצוגיין אויף דעם סעקשאן 8 וועיטינג ליסט פון זייער אגענטור.

ווי באקאנט האט די פעטסטאון אגענטור געהאט פובליצירט מיט א קורצע צייט צוריק אז זיי עפענען א וועיטינג ליסט פאר סעקשאן 8, און מען קען פריש אפלייען פאר דעם סעקשאָן 8 פראגראם. די אגענטור האט געגעבן א צייט פון צוויי וואכן צו קענען אריינשיקן אפליקאציעס, און טויזנטער מענטשן האבן אריינגעשיקט אפליקאציעס ארויפצוגיין אויף די וועיטינג ליסט, און די קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט פונעם ווילעדזש האט ארויסגעהאלפן פילע איינוואוינער אויסצופילן די אפליקאציעס.

אצינד האבן זיי געמאלדן אז זיי האבן שוין געמאכט דעם גורל און זיי האבן ארויסגעצויגן 3,500 אפליקאציעס וועלכע וועלן אצינד ווערן איבערגעקוקט וויפיל דערפון עס קענען טאקע ארויפגיין אויפ'ן וועיטינג ליסט צו באקומען סעקשאן 8.

לויט ווי זיי האבן איבערגעגעבן, זענען אריינגעקומען צווישן 7 און 8 טויזנט אפליקאציעס, זיי האבן דורכגעפירט דעם גורל אויף פארמאכטע ענוועלאופס, ד"ה נאך איידער זיי האבן געעפנט און דורכגעגאנגען די אפליקאציעס, זיי האבן ארויסגעצויגן 3,500 פארמאכטע ענוועלאופס, און יעדע ענוועלאופ האט באקומען א נומער וואס לויט דעם סדר האבן זיי אנגעהויבן צו עפענען און אדורכקוקן די אפליקאציעס, און לויט דעם ווערט אויסגעשטעלט דער וועיטינג ליסט.

ווי געמאלדן אין הקריה פריערדיגן חודש, איז נאך יעצט נישט שייך צו וויסן אויב מען האט געווינען דעם גורל, און די אלע דריי און א האלב טויזנט געווינער וועלכע וועלן בלייבן בארעכטיגט פאר א סעקשן 8 סלאט, נאכ'ן אדורכגיין די אפליקאציעס, וועלן באקומען אויף פאסט א בריוו ביז ארום שבועות צייט, און אויב ביז דאן באקומט מען נישט קיין בריוו איז מען ווארשיינליך נישט ארויסגעקומען ביים גורל.

אבער וואס מען דארף וויסן איז אז אפי' די וועלכע האבן יא געווינען און זיי וועלן ארויפגיין אויפ'ן וועיטינג ליסט, קען נאך דויערן בערך דריי יאר, ביז די ליסטע קומט אן צום געווינער.

אין ליכט פון דעם האט די "ווילעדזש קאמיוניטי סערוויס" אפיס געמאלדן, אז עס איז פאראן א וועג וויאזוי זיך צו רוקן פאראויס אויף די ליסטע צו באקומען פארצוג פאר סעקשאן 8, און דאס איז ווען מען טוט איינמעלדן סיי וועלכע טויש אין אינקאם אדער פאמיליע סטאטוס.

עס מאכט זיך זייער אפט אז טראץ וואס דער אפליקאנט איז טאקע אויף די רייע צו באקומען סעקשאן 8, קען ער אבער באקומען פארצוג ווען ער מעלדט איין א טויש וואס וועט ברענגען אז ער זאל קענען שנעלער באקומען סעקשאן 8. צום ביישפיל בחורים אדער מיידלעך וואס האבן אפלייעט פאר סעקשאן 8 איידער די חתונה, דארפן איינגעבן אז מען האט חתונה געהאט, ווייל א פארהייראטע פארפאלק האט פארצוג צו באקומען פריער סעקשאן 8.

די זעלבע איז מיט סיי וועלכע טויש פון דעם סטאטוס וועלכן מען האט איינגעגעבן ווען מען האט אפלייעט פאר סעקשאן 8, אויב נאכדעם וואס מען האט אפלייעט האט מען געהאט נאך א קינד, אדער עס האט זיך געטוישט די אינקאם, איז ראטזאם דאס איינצומעלדן פאר די סעקשאן 8 אפיס.

ווי אויך מאכט זיך אמאל אז די סעקשן 8 אגענטור שיקט ארויס וויכטיגע Forms און כדי צו בלייבן אויף די ליסט מוז מען גלייך ענטפערן אויף די בריוו. אדער מאכט זיך אז עס קומט ענדליך אן די רייע פאר אן אפליקאנט, אבער די אגענטור קען זיך נישט פארבינדען מיט אים ווייל זיין אדרעס אדער טעלעפאן נומער האט זיך שוין געטוישט. דערפאר אויב האט איר א טויש אינעם אדרעס אדער טעלעפאן נומער איז זייער וויכטיג דאס צו אינפארמירן תיכף פאר די פעדעראלע האוזינג אפיס.

# מאָטאָריסטן געווארנט צו געבן רעכט פונעם וועג פאַר פיסגייער

ווי באַקאַנט איז קרית יואל אַ שטאָט פון פיסגייער, און עס ווערט דורך די ווילעדזש פירערשאַפט צוגעשטעלט אַלע נויטיגקייטן פאַר'ן באַקוועמליכקייט פון די פיסגייער, נעמליך ברייטע באַקוועמע סיידוואָקס; גוט באַלויכטענע און אויסגעפלאַסטערטע שאָרטקאָטס וואָס ווערן גוט אויפהאַלטן; און די מאַסיווע פראָגראַם שנעל אָפצושאַרן אַלע סיידוואָקס און שאָרטקאָטס נאָך אַ שניי.

כמעט די גרעסטע צאָל פון די איבער 20,000 נפשות אין קרית יואל זענען פיסגייער, דאָס נעמט אַריין פרויען און קינדער און אפילו מאַנסבילן וואָס פאַרמאָגן נישט קיין אויטאָס.

נאַטורליך פאַרשטייט יעדער אַז מאָטאָריסטן דאַרפן געבן דעם רעכט פונעם וועג פאַר פיסגייער, דאָס איז מצד לאָגיק און יושר, מצד מענטשליכקייט און אויך מצד דעם געזעץ.

אין פילע ערטער אינעם שטאָט איז דאָ רויטע טראַפיק לעמפּ צו דירעקטירן דעם טראַפיק און אויך איז דאָ דעזיגנירטע קראָס-וואָקס געמאַכט פאַר די פיסגייער דורכצוגיין, מאַכט זיך אָבער אַז אַ פיסגייער קען שטיין אַ לאַנגע צייט ביים קראָס-וואָק און קען נישט דורכגיין ווייל די קאַרס גיבן אים פשוט נישט קיין געלעגנהייט דורכצוגיין.

די גרעסטע פּראָבלעם איז ביים צוזאַמטרעף פון מאנטעין ראָוד און פאַרעסט ראָוד, וואו די טראַפיק לעמפּ זענען לעת עתה אויסגעאַרבעט צו פונקציאָנירן ווי סטאַפּ סיינס, וואָס דאָרטן פאָרן קאַרס אין אַלערליי ריכטונגען און פיסגייער האָבן קיינמאָל נישט קיין געלעגנהייט דורכצוגיין נאָר מוזן דורכלויפן מיט טויט שרעק פון איין זייט צום צווייטן, קוקנדיג אויף אַלע זייטן צי זיי ווערן נישט אַראָפּגעקלאַפּט דורך אַן אָנלויפנדן אויטאָ.

דערפאַר איז וויכטיג צו נאָטירן, אַז געזעצליך ווען אַ פיסגייער שטעלט זיך אַריין אינעם קראָס-וואָק און מאַכט זיך גרייט אַריבערצוגיין די גאַס, מוזן די קאַרס פון "אַלע ריכטונגען" זיך אָפּשטעלן פאַר אים און אים לאָזן דורכגיין פרידליך, דאָס איז אפילו ווען זיי האָבן אַ גרינע ליכט אָדער זיי האָבן שוין געמאַכט אַ פול-סטאַפּ ביים רויטן לאָמפּ.

דאָס איז זייער וויכטיג צו וויסן ווייל עס האַלט ביי א צושטאַנד אַז פיסגייער קענען כמעט נישט דורכגיין די גאַסן ביים פארנומענעם מאַונטען ראָוד און פאַרעסט צוזאַמטרעף, און אָפטמאָל קומט דאָס לידי סכנה.

ספּעציעל איז דער ענין האַרב, ווייל דאָרטן איז אַ גרויסער דורכגאַנג וועג פאַר פרויען מיט קערידזשעס מיט פיצלעך קינדער, און פאַר קינדער און בחורים, דערפאַר דאַרף מען זיין געווארנט, און זיין געדולדיג און לאָזן פיסגייער דורכגיין, בשעת מען זיצט אין די באַקוועמע געהייצטע קאַר.

# דעפּאַרטמענט אָוו מאָטאָר וויקל מאַכט גרינגער פאַר קליענטן ביים באַזוכן אין זייערע אָפיסעס

די קאונטי דעפּאַרטמענט אָוו מאָטאָר וויקל אָפיסעס האָבן געמאָלדן פאַרשידענע ענדערונגען אינעם קאָסטומער סערוויס סיסטעם, צו פאַרגרינגערן די וואָס באַזוכן די לאָקאַלע מאָטאָר וויקל אָפיסעס.

דאָס האַנדלען מיט די לאָקאַלע מאָטאָר וויקל אָפיס איז שווערער געוואָרן זינט די אָראַנדזש קאַונטי הויפּטקוואַרטיר געביידע אין גאָשען איז געשפּאַרט געוואָרן פאַרגאַנגענעם

(פארזעצונג אויף זייט 21)




# מצילי אש אפטיילונג

# מצילי אש אלארמירט וויכטיגע אנווייזונגען אויף יום טוב פסח

**עס קומט יעצט דער הייליגע יום טוב פסח, וואָס עס איז אַ גרויסע עבודה אַריינצוברענגען אין שטוב, אידן זענען פאַרפּאָרעט אין שטוב און אינדרויסן און עס איז גאָר פאַרנומענע צייטן. אין די צייטן פון די ערב פסח טעג קען זיך מאַכן פאַרשידענע געפאַרפולע צושטאַנדן און מען דאַרף דערויף אַכטונג געבן.**

## וויכטיגע זיכערהייט אָנווייזונגען אין די קיך

מען קאָכט און מען באַקט אין גרויסן פאַר'ן יום טוב פסח, דאָס מיינט אַז אַלע פיר ברענערס אויפ'ן גאַז רענטש אַרבעטן אויף די פולע פאַרע. מען דאַרף דערפאַר אַכטונג געבן אַז מען זאָל אָפּן לאָזן אַ פענסטער כדי עס זאָל צוקומען פרישע לופט אין שטוב, אַפילו אויב דער פלאַם איז פריי און קלאָר און אומגעשטערט.

דאָס האָבן אַזויפיל פלאַמען פון גאַז וואָס אַרבעטן אַזויפיל שעה'ן שאַפט אַן אָנזאַמלונג פון קאַרבאָן מאַנאַקסייד און האָט אינעם פאַרגאַנגענהייט שוין געברענגט פילע קאַרבאָן מאַנאַקסייד עמוירדזשענסי פעלער אין די בעפאָר פסח טעג.

דאָס איז אויך געזאָגט געוואָרן אין די יום טוב טעג, ווען מען לאָזט אַ פלאַם גיין ביים גאַז רענטש, זאָל מען אַכטונג געבן אָפּן צו לאָזן אַ פענסטער אַ האַלבן אינטש אָדער מער. גלייכצייטיג דאַרף מען אָבער אַכטונג געבן אַז די ווינטן זאָל נישט בלאָזן דירעקט אויפ'ן פלאַם און עס פאַרלעשן וואָס דאַן קען גיין רויע גאַז אַריין אין שטוב און דאָס איז אויך אַ גרויסע סכנה.

*

### גאַז קאָנעקשאָנס:

פאַר פסח מאַכט זיך אָפט אַז מען טוישט דעם גאַז רענטש, צו אַ פסח'דיגע גאַז רענטש, אָדער נוצט מען אַ "גאַז רענטש טאַפּ", דאַרף מען זיין גאָר געווארנט אַז די גאַז קאָנעקשאָן זאָל געמאכט ווערן בלויז דורך אַ לייסענסד פלאַמבער, נישט קיין געפּאַטשקעטע היימישע אַרבעט דורכ'ן שוואָגער אָדער ברודער, ווייל אַז מען ווייסט נישט וויאַזוי עס צו מאַכן און פאַרזיכערן אַז די קאָנעקשאָן איז הערמעטיש און עס רינט נישט קיין גאַז, קען מען זיך אַריינשטעלן אַ שרעקליכע סכנה.

אַפילו אַ קליינע גאַז ליעק זאַמלט זיך שנעל אָן צו געפאַרפולע שטאַפּלען און עס קען שטעלן מענטשן אין אַ סכנה, דעריבער זאָל מען דאָס נישט נעמען פאַר לייכט.

*

### בריען פון קאָכן און באַקן:

אין די ערב פסח וואָכן ווען קינדער דרייען זיך אַסאַך אין שטוב און מען קאָכט און מען באַקט דאַרף מען אַכטונג געבן אַז קינדער זאָלן נישט שטיין אונטער די פוס אין קיך וואו זיי קענען רח"ל אָפּגעבריהט ווערן פון הייסע עסנוואַרגן אָדער זופּן, און דאָס זעלבע איז וויכטיג ווען מען כשר'ט די קיך וואָס דאַן זאָל מען האַלטן די קינדער גענצליך אינדרויסן פון די קיך צוליב געפאַר פון בריען.

*

### רייניגן אויוון:

פאַר'ן אָנצינדן דעם אויוון צו רייניגן דאַרף מען אַלץ קוקן צי מען האָט נישט דאָרט געלאָזט בעקעלעך אָדער פּאַפּיר אָדער אַנדערע זאַכן, און מען זאָל אַלץ אָפּרייניגן די ווענט און דעם גרונט פונעם אויוון פון די אָנגעזאַמלטע פעטענס ווייל דאָס קען זיך אונטערצונדן. מען דערף בכלל אַכטונג געבן ביים באַקן אַז קיין פעטנס זאָל נישט אַראָפּרינען צום גרונט פונעם אויוון, מען קען קויפן ספעציעלע אַלומינום "אָווען ליינערס" פאַר דעם צוועק.

פאַר פסח רייניגט מען דעם אויוון און מען נוצט שאַרפע כעמיקאַלן ווי איזי-אָף אָדער אַנדערע. דאָס איז אַ גרויסע סכנה פאַר די אויגן און פאַר די קינדער, בעסער איז געניצליך עס צו פאַרמיידן פון נוצן, און אַז מען נוצט דאָס יאָ זאָל מען דאָס נוצן מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט, און אָנטאָן שוץ גלעזער אויף די אויגן און אַ מאַסקע אויפ'ן געזיכט (כדי נישט איינצואָטעמען די גאַזן).

ווען מען נוצט איזי-אָף אָדער ענליכע שטאָף מוז מען גענצליך ארויסשיקן די קינדער פון קיך, און ביים ענדיגן נוצן זאָל מען דאָס אַוועקשטעלן אויף אַ הויך פלאַץ, צב"ש דעם העכסטן פּאָליצע אינעם קלאַזעט אָדער קיך, וואו קינדער קענען נישט צוקומען דערצו, ווייל מען האָט אינעם פאַרגאַנגענהייט שוין געהאַט גאָר אַסאַך ערנסטע עקסידענטן פון די סאָרט כעמיקאַלן ה"י.

אַז מען רייניגט דעם אויוון מיט'ן "סעלף קלינינג" פונקציע מוז מען פאַרדעם גענצליך אויסרייניגן דעם אויוון פון פעטנס, אַז נישט קען זיך דאָס אונטערצונדן און די גאַנצע הויז קען אָפּפלאַקערן רח"ל.

*

### קאַרבאָן מאַנאַקסייד:

אום פסח נוצט מען אָפט זילבער פּאַפּיר צו באַדעקן זאַכן אַרום דעם גאַז רענטש, אָדער באַדעקן די טעפּ, אָדער מען נוצט בעקעלעך, אָדער דעם בלעך וואָס מען נוצט אויפ'ן פלאַם שב"ק און די יום טוב טעג.

מען דאַרף זיין געווארנט ווייל די ערפאַרונג האָט געוויזן אַז ביים נוצן זילבער פּאַפּיר מאַכט זיך שנעלער די געפאַר פון קאַרבאָן מאַנאַקסייד. דאָס איז צוליב פאַרשידענע אורזאַכן, איינס: ווייל אַסאַך מאָל אומבאַמערקט ווערט די פלאַם באַדעקט פון אַלע זייטן און ווערט געשטערט פון געהעריג ברענען און דאָס גיט אַרויס קאַרבאָן מאַנאַקסייד; צווייטנס: די זילבער פּאַפּיר נעמט זיך ברענען, עס איז אַן אומזעעבאַרן פלאַם, און דאָס שאַפט קאַרבאָן מאַנאַקסייד.

דערפאַר דאַרף מען אַכטונג געבן אַז די פלאַם זאָל קיינמאָל נישט געשטערט ווערן, און זאָל האָבן גענוג לופט, און אַז זילבער פּאַפּיר זאָל קיינמאָל נישט קומען אין באַרירונג מיט'ן פייער, ווייל דאָס גיט אַרויס קאַרבאָן מאַנאַקסייד און אַנדערע שעדליכע געזן.

אויך איז זייער וויכטיג אַז ווען מען נוצט זילבער פּאַפּיר זאָל מען האַלטן דעם פענסטער פון קיך עטוואָס אָפן, כדי עס זאָל צוקומען פרישע לופט און עס זאָל זיך נישט שאַפן קיין אָנזאַמלונג פון קאַרבאָן מאַנאַקסייד אין די היים.

# מצילי אש פייער פּאָליס אַפּעראַציע אויסגעברייטערט געוואָרן

איינע פון די אונטערגעשאַצטע דזשאַבס אינערהאַלב די מצילי אש פייער אַגענטור זענען די פייער פּאָליציי, און עס דוכט זיך אַז זיי באַקומען נישט דעם ריכטיגן אַנערקענונג מצד די באַפעלקערונג אין קרית יואל.

די פייערלעשער וואָס לויפן העלדיש צום פראָנט ווערן אָפּגעשאַצט, אָבער די וואָס שטייען פון הונטן און דירעקטירן דעם טראַפיק, זיי טוען די דאַנק-לאָזע אַרבעט ווי מען זאָגט.

דער אמת איז אָבער אַז די פייער פּאָליס זענען אַ גאָר וויכטיגן באַשטאַנדטייל פון די מצילי אש פייער אַגענטור, און אָן זייער סערוויס וואָלט די הצלות נפשות ונכסים אַרבעט געווען פיל שווערער.

די מצילי אש פייער פּאָליס זענען גאָר וויכטיג צו דירעקטירן דעם טראַפיק אַוועק פונעם סצענע, אַוועקהאַלטן די נייגעריגע פאַרשוינען; און באַשיצן די פייערלעשער, די באַטראָפענע ביים עמוירדזשענסי סצענע און אויך די אַלגעמיינע באַפעלקערונג. די מצילי אש פייער פּאָליס זענען דורכגעגאַנגען לאַנגע שעה'ן טרעינירונגען פאַר אָט די אַרבעט.

די מצילי אש פייער פּאָליס ווערן אויך צומאל גענוצט דורך די חברה הצלה, צו העלפן מיט'ן טראַפיק קאָנטראָל און סצענע זיכערהייט אין אַ נויטפאַל.

עס איז וויכטיג אָנצוצייכענען אַז די אמט פון אַ פייער פּאָליס איז אַן אָפיציעלע אמט און געזעצליך קען אַזאַ איינער גיבן אַ סומאָנס אויב קאָאָפּערירט מען נישט.

דערפאַר איז וויכטיג צו קאָאָפּערירן און אויספאָלגן וואָס די מצילי אש פייער פּאָליס הייסן און נישט זיך איבערקלוגן און אויסקרויזן, און אויך זאָל מען נישט שטערן דעם פאַרקער דורך זיך אָפּשטעלן און פרעגן פראַגן.

איצטערט האָט מען אויפגעפרישט די פייער פּאָליס אָפּטיילונג אינערהאַלב די מצילי אש פייער רעטונג אַגענטור, מען האָט איינגעקויפט פרישע לעקטערלעך צו העלפן די מצילי אש פייער פּאָליציי דירעקטירן דעם טראַפיק, און אויך האָט מען איינגעקויפט ספעציעלע וואַרעמע היטלעך אַז די מצילי אש פייער פּאָליס זאָל נישט פאַרפרירן ווערן ביים שטיין שעה'ן אין די קעלטן דירעקטירנדיג דעם טראַפיק ביי עמוירדזשענסי סצענעס.

# חברה מצילי אש – קרית יואל

**Kiryas Joel Fire Department**

P.O. Box 566, Monroe, NY 10949

Office: (845) 781-5616 • For Emergency: (845)783-1212


בס"ד

שלושים יום קודם החג

# וויכטיגע אנווייזונגען

## אויף די קומענדיגע ערב פסח טעג

### דערמיט ווילן מיר אויפמערזאם מאכן עטליכע וויכטיגע פונקטן וואס איז וויכטיג צו געדענקען אין די ערב פסח וואכן,

1) בעפאר יו"ט ווען מ'קאכט און מ'באקט מער ווי געווענליך, זאל מען שטענדיג אפן לאזן א פענסטער בשעת'ן קאכן, כדי ס'זאל נישט געשאפן ווערן די שעדליכע קארבאן מאנאקסייד. בכלל זאל מען אכטונג געבן ווען מ'קאכט אויף יו"ט, ובפרט אויף פסח, מיט די פייערס.

2) ווען מ'דעקט צו דעם חמצ'דיגן געז רענטש מיט זילבער פאפיר, האליץ אדער פלעסטיק אויף איבער פסח, זאל מען זיכער מאכן אז די פיילאט איז אויסגעלאשן, און מ'זאל צומאכן די געז וועלוו און אויספלאגן די עלעקטריק, ביז נאך יו"ט, ווייל אז נישט קען עס ברענגען קארבאן מאנאקסייד ח"ו און א פייער סכנה.

3) אויב מ'דעקט צו די קאונטערס מיט פלעסטיק, אדער מ'לייגט אריין א פלעסטיק סינק, זאל מען אכטונג געבן נישט אריינצולייגן קיין לעכט אדער הייסע טעפ, ווייל דאס האט שוין פארשאפט גרויס עגמת נפש אין די פארגאנגענהייט.

4) ווען מ'רייניגט דעם אויוון אויף פסח מיט שארפע קעמיקעלס, זאל מען זיכער מאכן אויסצושאלטערן דעם אויוון, און אויך אויסלעשן דעם "געז וועלוו", און עס לאזן אזוי ביז איבער יו"ט, צו פארמיידן ערנסטע אינצידענטן ח"ו וואס שוין ליידער פאסירט אין די פארגאנגענהייט.

5) בעפאר מ'רייניגט א סעלף–קלינינג אויוון, זאל מען זיכער מאכן דאס אויסצוריינינגן פון אלע פעטנס. אויך זאל מען דורכליינען די אנווייזונגען וואס קומט מיט'ן אויוון און דאס אויספירן פונקטליך.

6) בעפאר מען נוצט דעם אויוון אדער ברוילער, זאל מען אכטונג געבן אז ס'זאל זיין ליידיג, און ס'זאל זיך גארנישט געפונען וואס קינדער האבן אריינגעלייגט, צ.ב.ש. שפילצייג אדער בעגס וכדומה.

7) נאך יו"ט, ווען מ'פארמאכט די פסח'דיגע קאך, זאל מען נישט פארגעסן צוצומאכן די געז וועלוו און די וואסער.

8) ווען מ'טוישט די געז רענטש פאר און נאך פסח, איז ראטזאם צו נוצן בלויז אן עקספיריענסד פלאמבער, און דאס נישט טאן אליין, כדי צו פארמיידן געז ליעקס.

**ווי אויך איבער'ן יאר זאל מען זיך האלטן צו די פאלגענדע באווארענונגען:**

**1) עס איז קריטיש וויכטיג צו האבן א פונקציאנירנדער "סמאוק אלארם" אין יעדע איינציגע צימער. ווי אויך, ווען מ'בויעט איבער א דירה, זאל מען נישט בלאקן דעם אלארם.**

**2) יעצט איז די ריכטיגע צייט פון יאר צו פארזיכערן אז די "סמאוק אלארם" האט א גוטע באטעריע און אז דער מאשין ארבייט. אויך איז וויכטיג צו האבן א** Carbon Monoxide Detector **(ס'קאסט בלויז עטליכע דאלאר, און ס'קען ראטעווען לעבנס).**

**3) ווען מ'לייגט ארויף א בלעך אויפ'ן געז רענטש, זאל מען מאכן זיכער אז ביי די צוויי זייטן איז אפן און ס'קען אריינקומען לופט, ווייל אז נישט קען עס ברענגען קארבאן מאנאקסייד.**

**4) מ'זאל שטענדיג אכטונג געבן אז די קינדער זאלן זיך נישט שפילן מיט די שוועבעלעך. מ'זאל דאס אוועקלייגן אויף א הויכן פלאץ אז די קינדער זאלן נישט קענען צוקומען דערצו.**

מיט דאנק פאראויס, **חברה מצילי אש**

# מצילי אש וואָרנט עלטערן אַכטונג צו געבן אויף די קינדער זיך נישט צו שפּילן ביי שריפת חמץ פייערן

די מצילי אש אַגענטור האָט אַרויסגעבן די פאָלגענדע אָנווייזונגען כדי צו פאַרמיידן עס זאָל נישט צוקומען צו קיין סכנות ביי די שריפת חמץ פייערן.

מען דאַרף זיין גאָר געווארנט ביי שריפת חמץ ערב פסח אינדערפרי, אַז מען זאָל נישט צוקומען לידי סכנה, און נישט שטעלן אַנדערע אין אַ סכנה.

עלטערן דאַרפן אַכטונג געבן אויף די קינדער און זיי נישט לאָזן אויף הפקר אַרומצושפּרינגען אַרום די שריפת חמץ פייערן, און זיי אָנוואָרענען אַז זיי טאָרן נישט צוטרעטן צום פייער און אוודאי נישט אַריינוואַרפן קיין זאַכן.

עס קלעמט דאָס האַרץ דאָס צו שרייבן, אָבער עס איז אַ פאַקט אַז צוליב די פאַרנומענקייט פון ערב פסח לאָזן מאַנכע עלטערן די קינדער אָן די נויטיגע אויפזיכט, און די קינדער ווערן די שייטער-הויפן אונטערצינדער, זיי זענען די וואָס זענען מסדר דעם פייער און וואַרפן כסדר אַריין זאַכן אַז עס זאָל גוט ברענען.

דאָס איז אַן עקסטרעמע סכנה! ווען עלטערן זאָלן זיך עפענען די אויגן און אַראָפּקומען ביים אָרט פון די שריפת חמץ פייערן און וואָלטן צוגעקוקט וואָס דאָרטן טוט זיך, וואָלטן זיי דאָס געוויס נישט צוגעלאָזט.

אויך ביים ברענגען חמץ צום פאַרברענען זאָל מען ברענגען חמץ אַליינס, קאַרדבאָורד באַקסעס זענען נישט קיין חמץ, און מען דאַרף נישט אָנזאַמלען טאָנען מיט חמץ צום פאַרברענען, מען קען דאָס רוב אַריינוואַרפן אין מיסט אין די בעפאָר פסח טעג און בלויז אַ מיעוט זאָל מען ברענגען צום שריפת חמץ פייער. מען קען יוצא זיין מיט צען ברעקלעך און נישט צען ברויטלעך.

מען זאָל חלילה נישט אַריינלייגן אינעם פייער קיין זאַכן וואָס קענען עקספּלאָדירן אָדער אַרויסגעבן שעדליכע כעמיקאַלן, צב"ש: ספּרעי קענס, גלאָז, רעדער וכדומה, און אוודאי נישט צוגיסן בענזין אָדער געזאָלין אויפ'ן פייער, ווייל די פּאַרע פון די געזאָלין פירט דעם פייער צום קערפּער און מען קען זיך נעמען ברענען ווי אַ פאַקל רח"ל.

די מצילי אש פייערלעשער אינאיינעם מיט די אַרומיגע פייער פירמעס וועלן אַרומפאָרן אין די שעה'ן פון שריפת חמץ צו קאָנטראָלירן צי די פייערן זענען נישט צי גרויס און פאַרלעשן ווען נויטיג, מען בעט די עלטערן אָנצוזאָגן די קינדער נישט צו שטערן די פייערלעשער פון די אַרבעט, נישט זיך אַרומזאַמלען אַרום זיי און זיי נישט נאָכלויפן. אין די נאָכמיטאָג שעה'ן וועלן די גוים פונעם ווילעדזש פּאָבליק וואָרקס דעפּאַרטמענט אויפקערן די אַש פון די שריפת חמץ פייערן און אַזוי וועט די שטאָט זיין ציכטיג ריין לכבוד יום טוב.

# סטאַטיסטיק: קאַרבאָן מאַנאַקסייד און איבערגעלאָזטע עסן אויפ'ן גאַז מאַכן אויס רוב פייער קאָלס

די מצילי אש אַגענטור איז שוין מעגליך הייזעריג פון אַזויפיל מאָל איבער'חזר'ן דאָס וואָס איז פּשוט צו פאַרשטיין, אַז מען דאַרף אַכטונג געבן קעגן קאַרבאָן מאַנאַקסייד וואָרום דאָס מאַכט אויס רוב פון די קאָלס וואָס די מצילי אש אַגענטור באַקומט אַריין.

אויב עמיצער וועט אַרגומענטירן אַז קאַרבאָן מאַנאַקסייד עמוירדזשענסי קען מען נישט אַלץ פאָראויסזען און פאַרמיידן איז דאָס מעגליך אַ טענה. אָבער די אַנדערע הויפּט אורזאַך פאַרוואָס די מצילי אש אַגענטור ווערט אַרויסגערופן צו פייער קאָלס איז דאָס וואָס מען לאָזט איבער עסן צו קאָכן אויפ'ן גאַז רענדזש און מען גייט אַרויס פון שטוב.

עס מאַכט זיך אָפט אַז די פאַרנומענע נשים צדקניות שטעלן צו קאָכן דעם נאַכטמאָל אויפ'ן פלאַם, און היות דאָס קאָכן נעמט איינס-צוויי שעה'ן לאָזט מען זיך אַרויס איינקויפן אין שאַפּינג צענטער און ערלעדיגן אַנדערע וויכטיגע זאַכן, אינצווישן פאַרגעסט מען און די זאַכן פאַרציען זיך און עס קומט צו אַ סכנה, דאָס עסן ווערט פאַרברענט, די שכנים שמעקן אַ גערוך און רופן די פייערלעשער, מען מוז אויפרייסן די טיר און פאַרלעשן די שריפה און אויסלופטערן די פאַררייכערטע דירה.

מען קומט אַהיים צו אַ בראָך: אַ פאַרברענטן סאַפּער, אומאנגענעמליכקייטן מיט די שכנים, און אַ לעקציע צו געדענקען.

דעריבער אַפּעלירט די מצילי אש אַגענטור נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל צו די תושבי העיר, בשום אופן נישט לאָזן עפּעס קאָכן אויפ'ן גאַז רענדזש און אַרויסגיין פון שטוב, אַז מען קען נישט אַנדערש זאָל מען נוצן אַ "סלאָו-קוקער" אָדער אַנדערע מיטלען ווי איידער לאָזן אַ טאָפּ אויפ'ן גאַז פלאַם אין שטוב. אַז עס איז גאָר וויכטיג לייגט אַרויף דעם טאָפּ סאַפּער ביים שכן אויפ'ן גאַז רענטש.

אויך זאָל מען שטאַרק אַכטונג געבן וועגן קאַרבאָן מאַנאַקסייד, מען זאָל האָבן אַ קאַרבאָן מאַנאַקסייד אַלאַרם אין שטוב, און זיכער מאַכן אַז עס אַרבעט און האָט קרעפטיגע בעטעריס.

אויך ביים קאָכן זאָל מען אָפן לאָזן עטוואָס דעם פענסטער אַז עס זאָל צוקומען פרישע לופט אין שטוב, אָבער מען זאָל אַכטונג געבן אַז די ווינטן פונעם פענסטער זאָל נישט פאַרלעשן די גאַז, ווייל דאָס איז אַ גרויסע סכנה ווי פאַרשטענדליך.

# פלאָורעסענט באָלבס וואס ברענען אויס, קענען שאַפן פייער גערוך

די מצילי אש אַגענטור מאַכט באַקאַנט די איינוואוינער אַז אָפטמאָל פאַסירט אַז ווען אַ "קאָמפּעקט פלאָורעסענט באָלב" ברענט זיך אויס, שאַפט דאָס אַ פייער גערוך און מען ווערט אומזיסט דערשראָקן אַז מען האָט אַ שריפה.

מען רעדט פון די שטאַרקע "קאָמפּעקט פלאָורעסענט באָלבס" (די מיט הויכע וואַטס) וואָס אַנטהאַלטן ביי זייער באַזע אַן עלעקטראָנישע אָפּטיילונג וואָס דאָס קען זיך אויסברענען פון יאָרן אָפּגענוצט ווערן, און ווען דאָס פּאַסירט גיט דאָס אַרויס אַ שטאַרקן גערוך פון פאַרברענטע עלעקטראָניקס און דאָס דערשרעקט מענטשן, דעריבער דאַרף מען דאָס וויסן אַז מען דאַרף נישט דערשראָקן ווערן.

די מצילי אש פירער באַטאָנען אַז דאָס מיינט נישט אַז מען זאָל פאַרנאַכלעסיגן אַ פייער פאַרדאַכט, און אַז מען שפּירט אַ גערוך פון פייער און מען ווייסט נישט וואָס דאָס איז זאָל מען רופן די מצילי אש וואָלונטירן דאָס אונטערצוזוכן, די מצילי אש וואָלונטירן זענען טרענירט דערויף, און זענען גאָר געטריי, און זענען נישט ברוגז ווען מען רופט זיי פאַר עפּעס און עס שטעלט זיך אַרויס צו זיין אַ צודאַכטעניש.

# פּאָרזיכטיגקייט פאַרלאַנגט מיט ענווייראָמענטאַלע אַנגעלעגנהייטן

-אין ליכט פון שטרענגע אינספּעקציעס דורך די "די. אי. סי."-

א וויכטיגע אויפפאָדערונג ווערט אַרויסגעגעבן צו אַלע איינוואוינער אין די שטאָט, אַז מען זאל זיין זייער פּאָרזיכטיג נישט צו פאַרלעצן קיין שום ענווייראָמענטאַלע געזעצן און רעגולאַציעס וואָס די פעדעראַלע רעגירונג און די סטעיט פאַרלאַנגען, נאָכדעם וואָס מען האָט לעצטנס געהערט פון פעלער וואָס די רעגירונג האָט זיך פאַרלייגט אויף עטליכע איינוואוינער דאָהי אין שטאָט, און די רעגירונג האָט געעפנט מיט א מאַסיווע אויספאָרשונג און גערופן אין געריכט דערוועגן.

די געזעצן איבער די ענווייראָמענט, ווערט אינפאָרסירט דורך די ניו יארק סטעיט "דעפּאַרטמענט אָוו ענווייראָמענטאַל קאָנסערוועישאן", אָדער ווי זי איז מער באַקאַנט אַלס די "די. אי. סי.", וואָס דאָס נעמט אַריין דאָס היטן אויף די געזונטהייט פונעם וואַסער סיסטעם, כעמיקאַלן צושפּרייטונג אין די לופט, אין די דרעינידזש, מיסט פאַרברענען און אַזוי ווייטער. זיי זענען באַקאַנט אַלס זייער א שטרענגע אַגענטור, און זיי נעמען נישט פאַר לייכט אויב עמיצער פאַרלעצט איינס פון די רעגולאַציעס און געזעצן.

עס איז נישט דאָ די ריכטיגע אָרט אַריינצוגיין אין די גוי'אישע פּאָליטיק און אַנגעלעגנהייטן, אָבער דער מציאות איז אַז די וועלכע זאָרגן זיך אין אַמעריקע דאָס מערסטע, זענען די לינקע ליבעראַלן וועלכע וועלן פאַרקוקן אויב עס ווערט אָפּגעטאָן עפּעס אומרעכט קעגן מענטשן, אַלעס אויף צו זיכער מאַכן אַז די ביימער, גראָזלעך און פיר-פיסיגע באַשעפענישן, ווערן באַהיטן... און דאָס ברענגט דערצו אַז זיי זענען אָפטמאָל גאָר ראַדיקאַל מיט זייערע פּאָליסיס, און די רעגולאַציעס איבער די ענווייראָמענט ציינט דאָס קלאָר אַרויס, וואָס זיי וועלן זיך באַגיין מיט די שטרענגסטע מיטלען אויב עמיצער פאַרלעצט עפּעס.

די פרישע אויפמערקזאַמקייט איבער ענווייראָמענטאַלע אַנגעלעגנהייטן קומט נאָכדעם וואָס עס האָט פּאַסירט דאָהי אין שטאָט קרית יואל א געשיכטע, אַז די אויטאָריטעטן האָבן זיך פאַרלייגט איבער א פּראָבלעם מיט די דרעינידזש ריינקייט און עוונטועל האָט עס אָפּגעקאָסט שווערע צענדליגער טויזנטער דאָלאַרן אין שטראָף צאָלונגען פאַר פּריוואַטע איינוואוינער, וועלכע האָבן נישט געהעריג געוואוסט די געזעצן און דאָס האָט געברענגט א פאַרנאכלעסיגונג.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס ווען עטליכע אַלטע טאַנקען אָנגעפילט מיט אויל זענען אַריינגעגאָסן געוואָרן אינעם וואַסער-אָפּלויף סיסטעם, וויבאַלד עס האָט געשטערט ביי א קאָנסטרוקציע פּראָיעקט. אָבער עס האָט נישט געדויערט לאַנג און די "סוער פּלענטס" פון די שטעטלעך אַרום קרית יואל האָבן אָנגעהויבן זעהן טייכלעך פון אויל אָנגעזאַמלט אויפ'ן אויבערפלאַך פונעם פּלענט.

די "בלומינג גראָוו" פירערשאַפט האָט זיך דערזען מיט א פּראָבלעם פון אויל און אומריינקייט אין זייער וואַסער סיסטעם, און האָבן אַלאַרמירט די הערימאַן געגנט און די אַלע געגנטער אַרום, אַריינגערעכנט דעם וואַסער דעפּאַרטמענט אין קרית יואל, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז פּלוצלינג האָט זיך געפינען אויל אינעם וואַסער סיסטעם, וואָס דאָס באַדייט אַז די ענווייראָמענטאַלע אויטאָריטעטן קומען אויטאמאטיש אַריין און פאַרלאַנגען א באַלדיגע רייניגונג פּראָצעדור אויפ'ן וואַסער און צו די זעלבע צייט אן אויספאָרשונג צו דערגיין פון וואַנעט די אויל נעמט זיך.

די אויבנדערמאַנטע די. אי. סי. האָט אַרויסגעשיקט אַרום הונדערט איינגעשטעלטע און אינספּעקטאָרס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן נאָכצוגיין אינעם וואַסער רער סיסטעם אינעם גאַנצן געגנט אַרום און אַרום פון וואו די אויל אינעם וואַסער איז געקומען, און מיט ספּעציעלע טעכניקן און מאַשינען האָבן זיי געאַרבעט צו דערגיין פון וואו דאָס אויל איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אינעם אָפּלויף סיסטעם. די אַרבעט האָט געדויערט איבער דריי טאָג, און עוונטועל - מיט די היינטיגע טעכנעלאגישע מעטאדן - האָבן זיי געזען אַז דאָס אויל איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אין א "דרעין" אין קרית יואל.

זיי האָבן אַראָפּגעשיקט עטליכע פרישע אינספּעקטאָרס קיין קרית יואל, און זיי האָבן אָנגעהויבן עפענען די "דרעינס", און עס האָט נישט געדויערט לאַנג ביז זיי האָבן געטראָפן גענוי וואו מען האָט אַריינגעגאָסן דאָס אויל. זאָפאָרט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט א מחנה פּאָליציי און הויכראַנגיקע אויספאָרשער און מען האָט זיך גענומען אינטענסיוו אויספאָרשן עטליכע איינוואוינער דאָהי אין שטאָט.

נאָך אַלע אויספאָרשונגען און אנשרעקענישן, האָט די די. אי. סי. באַשטעטיגט א געלט שטראָף וועלכע האָט באַטראָפן די אָסטראָנאָמישע סומע פון פינף און צוואָנציג טויזנט דאָלער! איבריג צו זאָגן אַז ווען יעדער ווייסט ווען די געזעצן און מען ווייסט אַז בעפאָר מען טוט אַזאַ זאַך איז גוט צו אָנפרעגן ביים ווילעדזש פּאבליק ווארקס דעפּארטמענט, וואָלט מען געקענט אויסמיידן אַזעלכע קאָפּ-ווייען.

דעריבער טוט די ווילעדזש שטאַרק בעטן און אויפפאָדערן ביי אַלע איינוואוינער, איבער די וויכטיגקייט פון אָפּהיטן די ענווייראָמענטאַלע געזעצן און ספּעציפיש אַז מען זאל גאָרנישט אַריינלייגן אינעם וואַסער אָפּלויף סיסטעם, און אוודאי נישט עפּעס וואָס קען שעדיגן די געזונט פונעם וואַסער, וועלכע ברענגט סיי א שאָדן פאַר די גאַנצע שטאָט, צוליב וואָס עס מאַכט שוועריגקייטן אינעם סוער פּלענט, און סיי וואָס מען קען קומען דערצו אַז מען זאל דאַרפן צאָלן שווערע געלט שטראָפן.

# חברים זוכט דרינגענד נדבן פאַר 18,000 צו דעקן די קאָסטן פון נייעם חברים טראָק

קרית יואל. - ווי באַקאַנט האָט די "חברים אָרגאַניזאַציע" געפונען פאַר נויטיג איינצוקויפן אַ נייעם טראָק, וואָס וועט פיל פאַרגרינגערן די געוואַלדיגע אומצאָליגע חסד אַקטיוויטעטן פון די הייליגע אָרגאַניזאַציע. אַצינדער זוכט מען אַ נדבן וועלכער וועט ביישטייערן די סומע פון 18,000$ פאַר די קאָסטן פון אָפּקויפן און אויסשטאַטן פולשטענדיג דעם טראָק, וואָס וועט זיין אַ געוואַלדיגע זאַך פאַר די עבודת הקודש.

דער נדבן וועט באַקומען דעם געלעגנהייט צו מנדב זיין דעם טראָק לע"נ עלטערן אָדער קרובים, וכדומה, וואָס דאָס וועט אויפגעשריבן ווערן לשם ולתפארת אַלס זכרון אויפ'ן טראָק, און דערמיט וועט דער נדבן פאַראייביגט ווערן אַלס דער וואָס אַראָפּגעשטעלט אַ שטאַרקע באַזע פאַר די "חברים אָרגאַניזאַציע" צו קענען אָנגיין מיט די לעבענסוויכטיגע חסד אַרבעט אומגעשטערט און מיט הרחבת הדעת, וואָרום אויפ'ן איצטיגן פראָוועזאָרישן פאָרמאַט איז שווער אָנצוגיין.

די "חברים אָרגאַניזאַציע" איז פון איר באַשיידענע אָנהויב אויסגעוואַקסן צו אַ ריזיגע חסד אימפעריע, אַ כמו כל-בו אָרגאַניזאַציע וועלכע שטעלט זיך אַלץ אַהער צו העלפן אידן. די אָרגאַניזאַציע פונקציאָנירט אָן רעש און פּאָמפּע, און ווינציג אידן אין קרית יואל ווייסן אַז אַזוי "אונטער'ן ראַדאַר" עקזיסטירט אַ ריזיגע אָרגאַניזאַציע מיט אַן אַרמיי פון דיספּעטשערס וואָס הייבן אויף דעם טעלעפאָן 24 שעה אַ טאָג און מען באַהאַנדעלט איבער 350 קאָלס אַ חודש.

די הויפּט אַרבעט פון חברים איז צו העלפן אידן אין פאַל פון נויט, דאָס נעמט אַריין געבן לופט פאַר רעדער ווען אַ מענטש האָט אַ "פלעט טייער", אַרויסהעלפן עמיצן אָנקומען צום מעכאַניק אין פאַל די אויטאָ ווערט געשטראַנדעט; ברענגען געזאָלין פאַר עמיצן וואָס איז אויסגעלאָפן פון געזאָלין וכדומה.

גאָר אַסאַך קאָלס זענען אויף אויסשפּאַרונגען, נעמליך אַ מענטש שפּאַרט זיך אויס פונעם אויטאָ, אָדער אַ מאַמע שפּאַרט זיך אויס פון שטוב אָדער אַ קינד שפּאַרט זיך איין אין שטוב, און דאָס קען אַפילו פּאַסירן ווען אַ קינד שפּאַרט זיך איין אין אַ קעלער אונטער אַ דיקן אייזערנעם טיר מיט אַ 'דעדבאָלט' שלאָס (יאָ אַזוינס האָט פּאַסירט פאַרגאַנגענעם ערב ראש השנה נאָכמיטאָג און די העק פון די חברים וואָלונטירן האָבן אויפגעריסן דעם טיר).

אַזעלכע זאַכן זענען ערנסטע נויט-פעלער, איר קענט זיך פאָרשטעלן וואָס דאָס מיינט ווען אַ מענטש שטייט ציטערדיג פאַר קעלט און איז אויסגעשפּאַרט פון אויטאָ, אָדער זומער אין די שווערע היצן אינמיטן די גאַס.

אָדער שטעלט זיך פאָר אַ מאַמע וועלכע איז היסטעריש ביז גאָר ווייל זי איז אויסגעשפּאַרט און אין שטוב קאָכט זיך זאַכן אויפ'ן פלאַם און דאָס פיצלס קריכט אַרום, אָדער ווען אַ קינד איז איינגעשפּאַרט אין אַ קלאַזעט און קען נישט אַרויסקומען און פאַרפירט יאמערליך פאַר שרעק.

אין קורצע ווערטער, חברים העלפט אַרויס אידן אין נויטפעלער וואָס די הילף איז אַ פשוט'ע פאַר די געטרייע וואָלונטירן וואָס האָבן די פּאַסיגע געצייג, און פאַר די געהאָלפענע איז דאָס אַ געוואַלדיגע דערלייכטערונג און מען שפּאָרט זיך אויך אַסאַך מאָל געלט און עגמת נפש וואָס פּראָפעסיאָנאַלע הילף וואָלט געברענגט. אויפשפּאַרן א טיר דורך אַ שלאָסער קאָסט ממון ודמים, רופן פּראָפעסיאָנאַלע הילף פון אַ טאָואינג טראָק איז אַ שפּיל פון באַלד 150$, און אַפילו אַז מען האָט "טריפּל עי" דעקונג נעמט דאָס אַמאָל שעה'ן ביז מען באַקומט הילף.

*

## טראָק זה על שום מה?

חברים איז נישט אַן אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך אנגעמאסטן אַן "אָווערהעד", אַ גאַנצן הויפּטקוואַרטיר מיט אַ פלאָטע טראָקס און אַלערליי צוגעהערן און מען גייט שנאָרן דערויף ביים ציבור. ביי חברים איז דאָס געווען און איז איצט פונקט פאַרקערט, עס איז אַ "בלויזע ביינער אָרגאַניזאַציע", מען עקזיסטירט נאָר אויף דאָס וואָס מען דאַרף האָבן, נעמליך די דיספּעטשערס און די אויטאָס פון די געטרייע וואָלונטירן און די וויכטיגסטע געצייג.

חברים איז יאָרן אָנגעגאַנגען בלויז אויף דעם באַזיס, אָבער מיט די יאָרן האָט דער נויט און פאַרגרעסערטער געברויך געצווינגען צו קויפן אַ טראָק צו אַדרעסירן די ביז איצטיגע שוועריגקייטן און קענען אויסברייטערן די הצלת נפשות טעטיגקייטן אויף אַ ברייטן פאַרנעם.

*

## וועט איר פרעגן פאַרוואָס? מיר וועלן אייך ערקלערן:

1) די פּראָבלעם פון געצייג: צו קענען טאָן די חברים אַרבעט דאַרף מען האָבן געצייג, און אַז מען האָט נישט קיין טראָק מוז יעדער וואָלונטיר טראָגן געצייג ביי זיך, דאָס מיינט אויסשטאַטן יעדן איינעם מיט געצייג. דאָס איז אַ גרויסע אויסגאַבע און איז אומפּראַקטיש. שוין יעצט איז יעדער חברים וואָלונטיר בדרך כלל אויסגעשטאַט מיט אַ רייע טייערע געצייגן, צב"ש: 1) אַ בוסטער קיט, 300$ ; 2) אַן אימפּעקט רענטש (אוממעגליך צו פאַרלאַנגען אַ וואָלונטיר נאָך אַן אָפּגעמאַטערט טאָג פון אַרבעט, אויפצושליסן און פאַרשליסן די שרויפן פון אַ רעדל מיט די הענט, דאָס איז אַן אַרבעט וואָס קען אַפילו אַ ברייטביינערדיגן גוי אַנידערלייגן) דאָס קאָסט 550$ ; 3) אַ דזשעק, 250$ ; וואָרום מען דאַרף סיי אַ לייכט-געוויכטיגע און סיי אַ העווי-דוטי סאָרט און דאָס קאָסט טייער; 4) אַ לופט פּאָמפּ, 120$ ; 5) לאַק-אַוט קיט, 80$ ; ועוד.

אויסערדעם קומט צו נאָך פילע קלייניגקייטן צב"ש פלעשלייטס, ריפלעקטאר דזשעקעטס (אַ זומערדיגע און ווינטערדיגע), אַרבעטן אָן אַ רעפלעקטאר דזשעקעט איז קעגן דעם געזעץ און סכנות נפשות; סלעדזש-האַמערס צו ברעכן טירן ווען מען דאַרף; אַ רענטש און סאקעטס סעט, און נאָך אַנדערע צוגעהערן.

אויך איז דאָ די ספּעציעלע כעמיקאַל געזאָלין וואָס קאָסט 20$ אַ פלאַש, וואָס ערלויבט צו פאָרן נאָך צען מייל, פאַר די וואָס בלייבן שטעקן אָן געזאָלין, און אויך דעם "עמבער לייט" וואָס דאָס דאַרף מען האָבן געזעצליך אויפ'ן דאַך פון די אויטאָ.

אַפילו אויב די חברים אָרגאַניזאַציע וואָלט געוואָלט שפּענדן דאָס געלט אויסצושטאטן אַלע אירע 80 מיטגלידער, איז דאָס נישט אַזוי איינפאַך, וואָרום נישט יעדער האָט די פּלאַץ אינעם קאַר-טראָק צו טראָגן די געצייג און נישט יעדער וויל דאָס אַרומשלעפּן.

דעריבער ווי עס איז יעצט האָט נישט יעדער ביי זיך אין אויטאָ די געצייג, און ווען עמיצער שטייט אין די פראָסטן און וואַרט מיט אַנגסט מען זאָל אים קומען העלפן איז נישט די צייט וואָס אַ מידער אויסגעמאַטערטער וואָלונטיר זאָל זיך דאַרפן זוכן די געצייג. אָפּגעזען אַז ווען געצייג ליגן ביי יעדן אין די האַנט ווערט אָפטמאָל די געצייג פאַרלוירן און צעבראָכן.

אַזוי מיט'ן טראָק וועט די פּראָבלעם געלעזט ווערן, אַלע נויטיגע געצייג וועלן ליגן שיין מסודר אינעם טראָק, וועט ווערן אַ סדר, ווען אַ וואָלונטיר וויל פאָרן העלפן עמיצן און דאַרף געצייג ווייסט ער דעם צענטראַלן אַדרעס, ער דאַרף זיך בלויז אַריינזעצן אין טראָק און פאָרן.

*

## 2) קויפן נאָך וויכטיגע געצייג

מיט'ן טראָק וועט די חברים אָרגאַניזאַציע זיך קענען אויסברייטערן און איינקויפן נאָך געצייג וואָס מען דאַרף און זיי האַלטן גרייט אַלץ אין טראָק.

חברים האָט פילע מיסיעס צו וואָס עס פעלט זיך שוין לאַנג אויס אַ טראָק, דאָס נעמט אַריין: פּאָמפּס אַרויסצופּאָמפּן פאַרפלייצטע קעלערן (אַרויסצוהעלפן די געטרייע מצילי אש); העווי-דוטי היטערס ווען ביי עמיצן גייט פּלוצים קאַליע די הייצונג און עס איז סכנת נפשות; טאַנקען וואַסער צו פאַרטיילן וואַסער זומער ביי עפנטליכע פאַרזאַמלונגען און ביי זוכונגען נאָך פאַרשוואונדענע (עס זאָל נישט קומען דערצו); לייטינג געצייג צו באַלייכטן דאָס אָרט ביי אַ סצענע ביינאַכט, א.א.וו. אויך ווען עס מאכט זיך בלעקאוטס אַרויסצוהעלפן מיט ברענגען דזשענערעיטארס וכדומה ; דאָס אַלעס האָט נישט קיין פּלאַץ אין אינדיווידועלע אויטאָס פון די געטרייע חברים וואָלונטירן.

*

## 3) זען און ווערן געזען:

אַ טראַק איז מער אַנזעעבאַר, עס האָט לייטס וואָס ווייזן פונדערווייטענס אַז דאָ איז אַ סצענע און מען דאַרף פאָרן שטאַט און פאָרזיכטיג.

דאָס האָט זיך ספּעציעל אַרויסגעשטעלט פאַר וויכטיג פאַרגאַנגענע וואָך ווען אַן אויטאָ איז שטעקן געבליבן אויף בעיקערטאַון ראָוד אינעם טאָל צווישן ביידע בערג, און די חברים וואָלונטירן האָבן דאָרטן געאַרבעט אונטער אַ שטאַרקן געפאַר, וואָרום צוליב'ן אויסשטעל פונעם ראָוד האָבן אויטאָס נישט באַמערקט די חברים אויטאָס ביז די לעצטע מינוט.

וואָלט מען שוין געהאַט דעם טראָק אין דינסט וואָלט דאָס פיל מער צוגעגעבן צו די סעיפטי, וואָרום די טראָק איז העכער און אירע וואָרענונג לעמפּ זעען זיך אָן פון גענוג ווייט אַז מאָטאָריסטן זאָלן קענען אַכטונג געבן.

*

4) אַרויסשלעפּן אַ איד פון זומפּ:

פילמאָל דאַרפן חברים וואָלונטירן אַרויסשלעפּן אויטאָס פון זומפּן, אָדער אַרויסשטופּן אויטאָס פון בלאָטעס, דאָס קען מען נישט טאָן מיט סתם אַ קאַר.

אַ געוועגליכע קאַר האָט נישט די קראַפט און די צוגעפּאַסטע שלעפּ ערטער אַרויסצושלעפּן אַ געזונקענע אויטאָ פון מאַראַסט און שניי, און שטופּן מיט אַ קאַר אַ צווייטע קאַר איז קיין עסק וואָרום די באָמפּער ווערט צעבראָכן, און עס איז יצא הפסדו בשכרו, פאַר דעם אליינס דאַרף מען אַ העווי-דוטי טראָק.

*

דעריבער, האָט מען ביי די הנהלה פון חברים באַשלאָסן אַז מען קען נישט אָנגיין ווייטער אַזוי, און מען האָט איינגעקויפט אַן עלטערן טראָק. מען האָט דאָס אַהערגעשטעלט ווי ווייט מעגליך צב"ש אַרויפגעלייגט אַ באָמפּער צו קענען שטופּן אויטאָס און אַנדערע דרויסנדיגע צוגעהערן, און אין איר קורצן דינסט האָט זיך עס שוין אַרויסגעשטעלט צו זיין גאָר ווערדפול.

אַצינדער וואַרט מען נאָר צו זען ווער פון די חשוב'ע תושבי עיר החסד קרית יואל, רחמנים בני רחמנים גומלי חסד ביי וועמען דער געפיל פאַר חסד פליסט אין די בלוט, וועט זיך צוכאַפּן צו די זעלטענע מצוה צו ספּאַנסערן דעם "חברים טראָק", וואָס וועט זיין דער צענטראַלער מיטל וויאַזוי די אומצאָליגע מעשי חסד וואָס ווערט געטון פאַר אנשים נשים וטף חודש'ליך וועט אויסגעפירט ווערן, און דאָס וועט זיין אַ געוואַלדיגן זכות צו דעם בעל חכם לב יקח מצות וועלכער וועט זיך צוכאַפּן צו אַזאַ מצוה רבה וחשובה.

עס ווערט געברענגט אין די ספרי חפץ חיים אַז ביי מעשי חסד באַקומט מען שכר אויף די פּירות און פּירות דפּירות וואָס קומט אַרויס פון די מעשה החסד, דערפאַר איז זיכער אַז דאָס אָפּקויפן דעם זכות פונעם חברים טראָק איז אַן אומבאַשרייבליכער געלעגנהייט זיך איינצוקויפן מיט איין שאָס טאָנען מיט זכותים וואָס וועלן דעם נדבן צונוץ קומען סיי אויף דער וועלט און סיי אויף יענע וועלט.



דער נייער "חברים טראַק" וואס איז אויסגעשטאטעט מיט אלע נויטיגע געצייג צו ארויסהעלפן אידן אין פאל פון נויט

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


**-סאניטעישאן דעפארטמענט-**

# וויכטיגע מעלדונג

## מיר ווילן מעלדן פאר די חשוב׳ע איינוואוינער שיחי׳

**אז די קומענדיגע האלב-יעריגע**

# באָלק פיק-אָפּ

**וועט פארקומען בעז״ה**

## אנגעהויבן פון דינסטאג Mar. 27

## ביז מאנטאג April. 2

## ווען איר קענט ארויסלייגן אלע אייערע Bulk Items
## און די סאניטאציע דעפארטמענט וועט דאס אוועקנעמען

**-ביטע נישט ארויסצולייגן איידער דעם באשטימטן דאטום-**

| |
|---|
| **די "באלק פיק-אפ" וועט זיין איינגעטיילט אין צוויי:** |
| **געווענליכע באלק:** וועט מען אויפנעמען צוזאמען מיט די רעגולער גארבידזש רוט |
| **מעטאלענע זאכן:** וועט מען אויפנעמען עקסטער (נישט צוזאמען מיט די געווענליכע באלק) |

# וויכטיגע אנווייזונגען

- ◆ ביטע ארויסלייגן אלע זאכן ביים **Curb**, ווייל די טראקס וועלן נישט אריינפארן אין קיין פרייוועט פראפערטיס.
- ◆ ביטע לייגן די באלק גארבידזש באזונדער, און נישט אויסמישן מיט די געהעריגע גארבידזש.
- ◆ נישט לייגן קיין רעדלעך אדער קאמערשאל בילדינג מאטריאל, ווייל מ׳וועט דאס נישט אוועקנעמען.
- ◆ ביטע לייגן אלע מעטאלענע זאכן (אויוון, פרידזשידער, וואש-מאשין, עיר-קאנדישאן אא״וו) איינגאנצן אפגעטיילט.
- ◆ נישט פארגעסן אראפצונעמען די טירן פון די פרידזשידערס.
- ◆ אויך די הייזער וועלכע האבן קאנטעינארס, זאלן לייגן אלע באלק זאכן ביים קוירב, און נישט אריינווארפן באלק מאטריאל (צ.ב.ש. האלץ אדער שיטראק) אין די קאנטעינאר, ווייל דאס צוברעכט דעם טראק.
- ◆ נישט לייגן קיין גארבידזש פארנט פונעם קאנטעינאר, ווייל ס׳שטערט דעם טראק און אויך נישט אויפ׳ן דעק פונעם קאנטעינאר, ווייל ס׳ווערט צעבראכן.
- ◆ ביטע אכטונג געבן נישט צו לייגן קיין גרעסערע נוצבארע זאכן, וואס איר דארפט נאך האבן, נעבן די באלק זאכן, כדי עס זאל נישט בטעות אוועקגענומען ווערן!

**מיט דאנק די סאניטעישאן דערפארטמענט**

# טויזנטער אויסשטאַפירט מיט רעפלעקטאָרס אין מאַסיווע אויפנייאונג קאַמפּיין

### אנגעפירט דורך חברים אָרגאַניזאַציע, קרית יואל פּאבליק סעיפטי און סקול דיסטריקט טראנספּארטאציע דעפּארטמענט

די געטריישאפט פון די נאָבעלע חברים אָרגאַניזאַציע, וועלכע קאָמבינירט מיט זיך איבערגעגעבענע עסקנות לטובת הציבור אינאיינעם מיט בליציגע אויפטרעפונגען, האָט זיך ווידעראַמאָל איבערגעצייגט ווען די חברים אָרגאַניזאַציע האָט אין אַ צירקע פון 2 וואָכן אויסשטאָפירט טויזנטער קינדער, בחורים אין יונגעלייט מיט רעפלעקטאָרס אַרויפגענייט אויף די מאַנטלען, און דערמיט געמאכט אַ גרויסן שינוי לטובה אַז עס זאָלן נישט טעגליך פאָרגעקומען שיער-עקסידענטן ווען מענטשן גייען דורך די פינסטערע גאַסן ממש אונטער'ן רעדל פון אָנלויפנדע אויטאָס.

מען דאַרף נישט ערקלערן די וויכטיגקייט פון רעפלעקטאָרס. קרית יואל איז אַ שטאָט פון פיסגייער, און עס קומען כסדר פאָר 'באַגעגענישן' צווישן אויטאָס און פיסגייער. טעגליך מעלדן מאָטאָריסטן אַז זיי האָבן זיך שיער צוזאַמגעשטויסן מיט פיסגייער ווייל מען האָט זיי נישט געזען. עס איז אַ מאַנגל אין פאַרשטענדעניש צווישן די ביידע זייטן. פיסגייער זענען זיכער ביי זיך אַז די מאָטאָריסטן זעען זיי, און מאָטאָריסטן מיינען אַז זיי זענען די אויסשליסליכע באַנוצער פונעם טראַנספּאָרטאַציע סיסטעם, און גיבן נישט די נויטיגע רעספּעקט פאַר פיסגייער.

הכלל, מען קאַמפּיינט שוין יאָרן אַז יעדער פיסגייער זאָל טראָגן אַ רעפלעקטאָר אויף די מאַנטלען, אָבער עס האָט זיך נישט פולשטענדיג איינגעגעבן, וואָרום מען דאַרף זיך שאַפן אַ ריפלעקטאָר, און עס נישט פאַרלירן, און אסאך ערוואַקסענע כאפן זיך נישט אזוי צו, צו גיין מיט רעפלעקטאָרס.

איצט איז די חברים אָרגאַניזאַציע אויפגעקומען אַז אַ גרויסער הילף דערצו וועט זיין אַז מען וועט דאָס מאַכן צוגענגליך אַז עס זאָל זיין אַרויפגענייט אויף די מאַנטלען.

מען האָט אָנגעהויבן דעם קאַמפּיין ביי די יונגלעך און מיידלעך. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין די וואָך פון פרשת תרומה, ווען מען האָט געמאָלדן אַז אין באזונדערע טעג וועלן יונגלעך און מיידלעך קענען אַריבערקומען צום לאָקאַל פון "היי קוואַליטי קלינערס" הונטער'ן שאָפּינג צענטער, וואו מען וועט אָן קיין אָפּצאָל און גענצליך אומזיסט אַרויפנייען רעפלעקטאָרס אויף די זוימען פון די מאַנטלען, און די קינדער וואָס באַטייליגן זיך דערינען וועלן באַקומען אַ מתנה אַ סעט קאַרטלעך ספּעציעל געדרוקט פאַר'ן רעפלעקטאָר קאַמפּיין, מיט אויפקלערונגען און לאָזונגען צו ערקלערן פאַרוואָס עס איז וויכטיג צו גיין מיט רעפלעקטאָרס.

בעפאָר די אַקציע האָבן די חברים מיטגלידער אַריינגעלייגט גאָר אסאַך געלט און מיה און פּלאָג דאָס צוצושטעלן. מען האָט געדאַרפט פאַרשאַפן דאָס געלט און קויפן שווערע טויזנטער פיס פון די ריפלעקטאָר סחורה און דאָס צוגרייטן; דרוקן די קאַרטלעך (דאָס איז געטאָן געוואָרן דורכ'ן האברך החשוב, העסקן ולב טוב, מו"ה משה אליעזר שוואַרץ הי"ו); און אויך קאַמפּיינען ביי די קינדער און פאַרשפּרייטן די אינפאָרמאַציע.

די עיקר הילף איז געקומען פון דעם בעה"ב פון "היי קוואַליטי קלינערס", מו"ה יואל שוואַרץ נ"י"ו (בן הרה"ח ר' אורי שוואַרץ שליט"א), וועלכער איז אַ בעל חסד ולב טוב, און איז אַלץ גרייט אַ טובה צו טאָן פאַר אידן, דאָס איז אין צוגאָב צו די ערליכע סערוויס וואָס ער שטעלט צו אין זיין קלינינג געשעפט.

ר' יואל שוואַרץ נ"י"ו האָט זיך פונעם אייגענעם איניציאַטיוו אָנגעטראָגן פאַר די חברים אָרגאַניזאַציע צוצוהעלפן צו די געוואַלדיגע הצלת נפשות איניציאַטיוו, און ער האָט בנדבת לבו הטוב אַוועקגעשאָנקען צענדליגער שעות פון זיין געשעפט פולשטענדיג פאַר די אַרבעט. מען האָט דאָס אויסגעשטאַט מיט אַ רייע ניי-מאַשינען און מען האָט אַראַנדזשירט אַ גרופּע מיידלעך וועלכע האָבן געטאָן די אויפנייען אַרבעט.

מען האָט איינגעטיילט מיטוואָך פרשת תרומה פאַר די יונגלעך און דאָנערשטאָג פרשת תרומה פאַר די מיידלעך, און אין די טעג איז געווען אַ באַלאַגערונג הונטער'ן שאָפּינג צענטער אַזש עס האָט אויסגעקוקט ווי חוה"מ ווען די קינדער פאָרן אויפ'ן טריפּ.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פינף אַזייגער נאָכמיטאָג, ווען די קינדער זענען געקומען צו שטראָמען צום לאָקאַל פון "היי קוואַליטי קלינערס", און דאָרטן האָבן זיי אָפּגעוואַרט אַ שטאַב מיט חברים עסקנים וועלכע האָבן איבערגענומען די מאַנטלען פון די קינדער, און זיי אַריינגעגעבן אויפצונייען די רעפלעקטאָרס, און ביים פאַרטיגן האָט יעדעס קינד באַקומען אַ מתנה, אַ סעט רעפלעקטאָר קאַרטלעך.

די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און אינטענסיווע, און אומפאראויסגעזען האָט זיך דאָס פאַרצויגן ביז צען אַזייגער אין די נאַכט אַריין.

דאָס זעלבע האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ טאָג שפּעטער דאָנערשטאָג ווען מען האָט דעם פּראָגראַם אויסגעפירט ביי די מיידלעך.

דאָס אויפנייען די רעפלעקטאָרס אויף די מאַנטלען פון די קינדער איז ווי פאַרשטענדליך אַ געוואַלדיגע דערגרייכונג פאַר די זיכערהייט פון די קינדערלעך ביים גיין אין די גאַסן אין די פינסטערע נעכט.

בויענדיג אויף דעם סוקסעס פון דעם קאַמפּיין האָבן די חברים עסקנים דאָס פאָרגעזעצט זונטאָג און מאָנטאָג פרשת תצוה, דאס מאָל האָט מען געוואָנדן דעם אויפמערקזאַמקייט צו די בחורים, דאָס מיינט פונעם עלטער פון כתה ט' ביז אַרויף די ישיבה גדולה עלטער, ועד בכלל. מען האָט גענומען דעם חברים טראָק און מען איז אַריבערגעפאָרן צו אַלע ברענטשעס פון די ישיבות פון די בחורים פון אַלע ישיבות אין די שטאָט, און מען האָט צוזאַמגענומען די מאַנטלען פון די בחורים און דאָס אַריינגעלאָדענט אין זעק און אָפּגעטראָגן צום רעפלעקטאָר פאַבריק אינעם לאָקאַל פון די "היי קוואַליטי קלינערס" פירמע.

מען דאַרף אָפּגעבן אַ דאַנק פאַר די בחורים און מגידי שיעור און מנהלים וועלכע האָבן צוגעהאָלפן צום אזוי וויכטיגן קאַמפּיין.

אינעם "היי קוואַליטי קלינערס" לאָקאַל האָט מען דאָס מאָל גענוצט אַ נייעם צוגאַנג, מען האָט גענומען די רעפלעקטאָרס און איין עק אריינגענייט אין טאַש, און אויפ'ן אַנדערן עק אריינגעלעכערט אַ קנעפּל לאָך, אַזוי אַז מען זאָל דעם אַנדערן עק קענען צופעסטיגן צום קנעפּל לאָך פונעם מאַנטל.

אַזוי האָט מען אויפגעטאָן אַז בחורים האָבן אַלץ דעם ריפלעקטאָר ביי זיך אין די האַנט, און בייטאָג דאַרפן זיי דאָס נישט אָנטאָן, אָבער ביינאַכט שלעפּט מען דאָס אַרויס און מען פעסטיגט דאָס אַריין אינעם קנעפּל און מען האט א פאַרטיגע רעפלעקטאר.

אויך איז דאָס צוגעפּאַסט צו נוצן שב"ק אין ערטער וואו מען טאָר נישט טראָגן וואָרום זייענדיג צוגענייט צום מאַנטל איז דאָס אַ טייל פונעם מלבוש און נישט קיין פּראָבלעם פון הוצאה.

די צווייטע פאַזע פונעם קאַמפּיין האָט אויך אַריינגענומען אַסאַך שווערע אַרבעט פון די חברים וואָלונטירן אינאיינעם מיט די שטאַבלייט פון "היי קוואַליטי קלינערס", וועלכע האבן מנצח געווען אויף די מלאכת הקודש אַז אַלעס זאָל גיין מיט'ן גרעסטן צופרידנהייט.

די קאַמפּיין ווערט נאָך פאָרגעזעצט אין די וואָכן, און די חברים מיטגלידער באַזוכן כסדר אין די חדרים און טיילן אויס רעפלעקטאָרס פאַר די קינדער וועלכע האָבן דאָס נאָכנישט אָנגענייט אויפ'ן מאַנטל און מען גיט דאָס אַהיים פאַר די מאַמעס אָנצונייען און די קינדער וואָס ברענגען דאָס צוריק אָנגענייט באַקומען אַ סעט רעפלעקטאָר קאַרטלעך במתנה. אויך אַרבעט מען פאָרצוזעצן דאָס צושטעלן רעפלעקטאָרס פאַר די בחורים.

מען פּלאַנירט א באזונדערן קאַמפּיין וואָס זאָל אַריינעמען יונגעלייט און פיסגייער פון אַלע יאָרגענג און אויך ערוואַקסענע מיידלעך, וואָס מען וועט נוצן דעם זעלבן צוגאַנג פון אריינייען דעם ריפלעקטאָר אין טאַש אַריין אַזוי אַז מען זאָל דאָס האָבן כסדר צו די האַנט און קענען גלייך נוצן ווען נויטיג ביים גיין אין די גאַסן אין די פינסטערע שעה'ן.

דרייווערס אין שטאָט גיבן איבער מיט צופרידנהייט אַז דער קאַמפּיין איז געווען אַ גרויסער סוקסעס, די שטאָט איז ליכטיג געוואָרן, מען האָט שוין ווינציגער שיער-עקסידענטן, מען זעט ווינציגער קוים זעעבאַרע שוואַרצע שאָטנס זיך דורכשלייכן דעם שאָסיי, נאָר עס איז ליכטיג, מען זעט די פיסגייער וואו זיי שטייען און גייען, און די זיכערהייט שטאַפּל פון פיסגייער איז דראַמאַטיש געהויבן געוואָרן.

אויך באַריכטן יונגעלייט אַז זיי באַקומען גרינגער היטשעס וואָרום זיי זענען מער זעהבאר פאַר מאָטאָריסטן, וואָס זעען זיי פון געגנוג ווייט זיך אָפּצושטעלן און זיי אויפנעמען.

די מאַסיווע קאַמפּיין האָט געהאַט אַ דאָפּלטע ווירקונג, ווייל עס האָט געהויבן די פּראָצענט ראַטע ביי ערוואַקסענע וואָס גייען מיט רעפלעקטאָרס, און ווי מער מענטשן עס גייען אַלץ מער באַוועגט דאָס אַנדערע וועלכע האָבן מחמת התרשלות אָדער אויסריידן פון בושות נישט געוואָלט אָנטאָן דעם רעפלעקטאָר, אָבער ווי מער מענטשן גייען דערמיט ווערט דאָס אַן אָנגענומענע זאַך און די רעפלעקטאָר ראַטע ביי פיסגייער שטייגט ברוך השם.

דעריבער אַפּעלירן די געטרייע חברים מיטגלידער צו יעדן פיסגייער אין שטאָט: ביטע זיך לאָזן ראַטעווען, וואַרטס נישט צו זיין אַ קרבן פון אַ שיער עקסידענט, ביטע קומט אריינניייען דעם רעפלעקטאָר אין טאַש און מען שטעלט דאָס אייך צו אומזיסט, און מיט דעם ראַטעוועט מען זיך דאָס לעבן און מען האָט אויך אַ טייל אין די הצלת נפשות פון אַנדערע אידן, ווייל יעדער וואָס טראָגט דאָס מאַכט אַוועק די נאַרישע בושה וואָס מאַנכע נוצן פאַר אַן אויסרייד נישט צו טראָגן א רעפלעקטאָר.

תושבי קרית יואל גיבן אָפּ אַ האַרציגן דאַנק פאַר די געטרייע חברים מיטגלידער, פאַר ר' יואל שוואַרץ נ"י פון "היי קוואַליטי קלינערס", און פאַר ר' משה לייב וויטריאל נ"י וועלכער האָט געהאָלפן פאַרשאַפן די נדבות פאַר די רעפלעקטאָר סחורה, און פאַר די אַלע איבריגע נדיבים און עסקנים וועלכע האָבן צוגעהאָלפן צום סוקסעספולן רעפלעקטאָר קאַמפּיין.

# וויכטיגע זיכערהייט אָנווייזונגען אויסגעשמועסט ביי "חברים" מעמבער צוזאַמענקום

עטליכע וואָכן צוריק איז פאָרגעקומען אַן אימפּאָזאַנטע צוזאַמקום, אין וועלכע אַלע "חברים" מיטגלידער, וועלכע שטייען כסדר גרייט צו העלפן אידן אין אַ נויטפאַל, זענען זיך צוזאַמגעקומען פאַר אַן אסיפת חיזוק און אויך אויסצושמועסן וויכטיגע אינפאָרמאַציע וואס איז געווען אויפ'ן טאָגס אָרדענונג.

די סאָרט פאַרזאַמלונגען קומען פאָר פון צייט צו צייט, און דינען עטליכע צוועקן, סיי אַלס אַ חיזוק צוזאַמטרעף בבחינת איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק, אויך דינען זיי אַלס קוואַל פון אינפאָרמאַציע, איבערצוגעבן וויכטיגע אינפאָרמאַציע פאַר די "חברים" מיטגלידער וואָס זענען עוסק אין די עבודת הקודש, צו וויסן פאַרשידענע פרטים וויאַזוי בעסער און געשיקטער צו טאָן די אַרבעט און אויך זיכערהייט אָנווייזונגען וואָס די "חברים" מיטגלידער דאַרפן צו וויסן.

ביי די באַשטימטע צייט אין א ליל שישי אויפדערנאכט, זענען די איבער 80 מיטגלידער וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין די נאָבעלע "חברים" אָרגאַניזאַציע ערשינען צום צוזאַמקום וועלכע איז פאָרגעקומען אינעם ביהמ"ד בית דוב אין די לעמבערג געגנט, וואו עס איז צוגעשטעלט געוואָרן לייכטע שבת'דיגע טועמיה, נעמליך טשולענט און קוגל, וועלכע איז צוגעשטעלט געוואָרן דורך איינעם פון די גאָר געטרייע "חברים" מעמבערס, מו"ה שבתי מזרחי הי"ו, וועלכער איז דער פּראַדזשעקט קאָאָרדינאַטאָר פון די "חברים" אָרגאַניזאַציע.

די מיטגלידער זענען געזיצן אינאיינעם און דורכגעשמועסט פאַרשידענע זאַכן. די הויכפּונקט פונעם אוונט איז געווען דער אויפטריט פונעם באַגאַבטן אויטאָ מעכאַניקער, מו"ה יעקב מאיר ווייס נ"י"ו, פון די "סטעיטספּעקשאָן ריפּעיר פירמע", וועלכער איז אַליינס אַ געטרייער מיטגלידער אין די "חברים" ארגאניזאציע, וועלכער האָט איבערגעגעבן פאַר די "חברים" מיטגלידער אַ געניטע לעקציע איבער וויאַזוי זיך אומצוגיין מיט אַ געשטראַנדעטע אויטאָ ביים געבן אַ "בוסט" פאַר'ן באַטעריע.

ר' יעקב מאיר האָט במתק לשונו ברייט אויסגעשמועסט אַלערליי סצענעס וואָס קענען זיך אפשפילן ביי אַזא געלעגנהייט, און וויאַזוי מען דאַרף האַנדלען ביי יעדע פון די פעלער, און ווען עס איז נויטיג צו געבן אַ בוסט פאַר'ן באַטעריע; ווען עס איז אומנויטיג; ווען עס וועט נישט העלפן; און ווען עס איז בעסער נישט צוצורירן צום באַטעריע. ר' יעקב מאיר האָט אויך אויסגעשמועסט פאַרשידענע וויכטיגע סעיפטי פונקטן ביים געבן אַ "בוסט" פאַר אַ בעטערי פון אַן אויטאָ דאס צו טאָן אויף אַ זיכערן וועג מען זאָל חלילה נישט געשעדיגט ווערן.

אויך האט אויפגעטרעטן דער געטרייער עסקן מו"ה אליעזר דוד איצקאָוויטש ני"ו, אַ לאַנגיאָריגער "חברים" מיטגליד און קאָאָרדינאַטאָר פון די "חברים" אָרגאַניזאַציע, וועלכער האָט אויסגעשמועסט פאַרשידענע וויכטיגע ענינים וואָס זענען נוגע די "חברים" מיטגלידער, און האָט אויך גאָר שטאַרק אָנגעוואַרעמט די מיטגלידער און אויסגעשמועסט פאַרשידענע דברי חיזוק וואָס זאָלן באַגלייטן די "חברים" מיטגלידער ביים אַרויסגיין אין די היצן און אין די קעלטן, צופרי און ביינאַכט, צו העלפן אידן אין אַ נויטפאַל. אויך האָט ער אויסגעשמועסט פאַרשידענע זאַכן וואָס מען האָט געזען פון ערפאַרונג וואָס מען קען דערפון אַרויסנעמען וויכטיגע לערעס פאַר'ן צוקונפט וויאַזוי זיך אומצוגיין ביים געבן הילף.

די אסיפה איז געשלאָסן געוואָרן מיט אַ גרויס געהויבנקייט און די "חברים" מיטגלידער זענען זיך צוגעגאַנגען אָנגעלאָדעט מיט באַגאַדזשן חיזוק און דערמוטיגונג און אויך מיט וויכטיגע ידיעות וויאַזוי אָנצוגיין מיט די הייליגע אַרבעט.

כה לחי.

# העלפט חברים אייך העלפן

די רעדאַקציע פון הקריה איז אויפגעפאָדערט געוואָרן דורך די ״חברים אָרגאַניזאַציע״ ארויסצושרייבן די פאָלגענדע פּונקטן, וואָס זענען נאָר בקצירות האומר אָבער עס איז געמאַכט אַז מען זאָל פאַרשטיין דבר מתוך דבר, וויאַזוי מען דאַרף זיך באַפאַסן ביים רופן הילף פון חברים, כדי נישט צו באַלמוטשען די געטרייע חברים וואָלונטירן מער ווי עס פעלט זיך אויס, און כדי די הילף זאָל קענען געגעבן ווערן שנעל און פלינק אַז יעדער זאָל געניסן דערפון.

ווי יעדער פאַרשטייט, באַשטייט די ״חברים אָרגאַניזאַציע״ נישט פון קיין שום באַצאָלטע מיטגלידער, אַלע מיטגלידער זענען וואָלונטירן און עסקנים, מענטשן פּונקט ווי אייך, זיי זענען פאַריאָגט און פאַרפלאָגט על המחיה ועל הכלכלה, און ביינאַכט נאָכ׳ן פריי ווערן פון די אַרבעט האָבן זיי אַן אויסגעפילטן סקעדזשול, מען דאַרף זיך אָפּגעבן מיט די שטוב, עסן נאַכטמאָל, לויפן צום שיעור, ערלעדיגן דאָס ביסל וואָס מען יאָגט אָן צו ערלעדיגן, און זיך לייגן שלאָפן פאַר׳ן קומענדיגן טאָג.

אָט די וואָלונטירן רייסן זיך אַראָפּ פון זייער באַשרענקטע צייט צו לויפן צו חברים קאָלס, דאָס דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, און דערפאַר דאַרף מען האָבן פאַרשטענדעניש און איינזעעניש און נישט אויסנוצן די ״חברים אָרגאַניזאַציע״ מער וויפיל עס פעלט זיך אויס פאַר דעם נויטפאַל.

*

## באַהאַלט זיך נישט נאָר פּראָקלאַמירט אייער פּאָזיציע

שטעלט זיך פאָר אַ סצענע: אַ מענטש רופט חברים אַז ער האָט אַ ״פלעט טייער״, עס איז שפּעט ביינאַכט, די קאָל קומט אַריין אינעם סטאַנציע פון חברים און אַ וואָלונטיר מעלדט אַז ער דעקט דעם קאָל.

דער וואָלונטיר איז שוין מיד, ער וויל גיין שלאָפן פאַר׳ן מאָרגנדיגן טאָג, אָבער עס ברענט אים צו העלפן אַ איד וועלכער איז געשטראַנדעט מיט אַ ״פלעט טייער״ אינמיטן שאָסיי און קען זיך נישט רירן.

ער פאַקט זיך צוזאַם די כלים און פאָרט אַרויס צום אנגעגעבענעם אַדרעס, ער קומט דאָרטן אָן און דאַרף מאַכן אַ גאַנצן בדיקת חמץ צו טרעפן דעם באטרעפנדן וואס האָט פון אים געבעטן הילף, ער פאָרט אַרום די גאַנצע גאַס, און קוקט זיך פאָרזיכטיג אַרום און זוכט דעם ״פלעט טייער״ אָבער אָן ערפאָלג.

אין די זעלבע צייט, דער מענטש וואָס האָט געזוכט הילף, זיצט שוין לאַנג ביי זיך אין שטוב, (פונעם קאָל האָט זיך געמאַכט דעם איינדרוק אַז ער איז געשטראַנדעט) און פארנומען מיט עפּעס אנדערש אדער כאפט א דרימל, און האָט שוין לאַנג פאַרגעסן אַז ער האָט גערופן די חברים אָרגאַניזאַציע.

דער חברים וואָלונטיר, נאָך 15 מינוט זוכן און רופן, באַקומט ענדליך דעם איד׳ס סעלפאָון נומער און רפט אים אָן, דאַן וואַרפט דער רופער אלעס אַראָפּ פון די האַנט און יאָגט זיך אַראָפּ אַלע שטיגן און נעמט אויף פאַרסאָפּעט דעם חברים וואלונטיר און ווייזט אים דעם פּראָבלעם מיט׳ן רעדל, דערביי זיך אַנטשולדיגנדיג אויף זיין אוממענטשליכקייט.

דאַרפן מיר קאָמענטירן? געוויס נישט, אָבער עס איז וויכטיג צו באַטאָנען, חברים איז געמאַכט פאַר אַ נויטפאַל, אַז אַ מענטש איז געשטראַנדעט אויפ׳ן ראָוד און די רעדל איז פלאַך און ער קען נישט פאָרן, אַז מען קען צופאָרן צום מעכאַניק דאַרף מען נישט רופן חברים, וואָרום חברים איז נישט קיין מעכאַניק שאַפּ, פּונקט ווי מען רופט נישט הצלה פאַר אַ האַלז ווייטאָג, ווייל דאָס באַלאַנגט צום דאָקטאָר.

אַז מען רופט יאָ חברים דאַרף מען געבן פאַר׳ן דיספּעטשער דעם סעלפאָון נומער, און אַז מען האָט נישט, זאָל מען לפּחות אויפהייבן דעם ״הוד״ פונעם קאַר צו ווייזן אַ צייכן אַז דאָס איז עס, דאָס איז אַפילו אַז די פּראָבלעם איז נישט אונטער׳ן ״הוד״ נאָר ביים רעדל. נאָך בעסער און נאָך וויכטיגער איז צו פרעגן דעם דיספּעטשער ווען דער וואָלונטיר קומט און אים אָפּוואַרטן שטייענדיג ביים קאַר.

*

## נישט רופן חברים אין אָנגעשטרענגטע צייטן ווען עס איז נישט קיין עמוירדזשענסי

ווי יעדער ווייסט, אַ לאָך אין רעדל איז רוב מאָל נישט עפּעס וואָס האָט זיך געמאַכט פון איין מינוט אויפ׳ן צווייטן, רוב מאָל ווייסט מען שוין וואָכן און חדשים אַז דער רעדל הינקעט אונטער, עס פעלט כסדר לופט דערפון, אָבער מען שטופּט דאָס אָפּ צו אַרלעדיגן ביז מען האָט אַביסל צייט, אָדער ביז דער צושטאַנד ווערט שוין געפערליך.

עס מאַכט זיך פרייטאָג נאָכמיטאָג, מען איז פריי פון די אַרבעט, מען האָט שוין ערלעדיגט אַלע עסקים, מען האָט שוין געהאַט אַ פרייטאָג נאָכמיטאָג שלאָף, שוין געוועזן אין מקוה, שוין זיך געקעמט די באָרד, און געגעסן טועמיה, און מען דערזעט זיך מיט אַפּאָר שעה ליידיג וואָס מען האָט נישט וואס צו טון, נעמט מען אַרויס דעם ״צו-טאָן״ ליסטע און מען דערמאַנט זיך אַז יאָ, מען דאַרף קעיר נעמען פונעם פּראָבלעם מיט׳ן רעדל.

די אויטאָ איז פּאַרקירט אין פּאַרקינג לאַט, עס איז נישט קיין שום עמוירדזשענסי, אָבער יעצט פרייטאָג נאָכמיטאָג, אָדער ערב יום טוב, איז די צייט דאָס צו ערלעדיגן.

מען רופט אַריין אין חברים אָפיס, די דיספּעטשערס ווייסן נישט פון קיין חכמות, אַ איד איז פרייטאָג נאָכמיטאָג פאַר׳ן זמן געשטראַנדעט ערגעץ וואו און די רעדל איז אים ״פלעט״.

מען שיקט אַרויס אַ וואָלונטיר, אַ איד וועלכער האַלט אינמיטן העלפן די פאַרפלאָגטע אידענע זיינע אָפּבאָדן דאָס געזונדל מיט די קינדערלעך לכבוד שבת, און טרייבט די ערוואַקסענע קינדער פון איין שטוב צום צווייטן מסדר צו זיין די הויז לכבוד שבת.

אופּס, עס קלונגט דער סעלפאָון מיט אַ טעקסט מעסעדזש, איבער אַ איד וואָס דאַרף הילף צוליב אַ ״פלעט טייער״. דער וואָלונטיר וואַרפט אַלעס אַראָפּ, און יאָגט זיך צום טיר, איגנאָרירנדיג דעם טיפן קרעכץ פון די אידענע... ער לויפט העלפן אַ איד וועלכער איז אין עת צרה אַזוי פאַר׳ן זמן, ער שטייט געשטראַנדעט ווייט פון זיין היים מיט אַ ״פלאַכן רעדל״.

דאַרפן מיר מער מאריך זיין? איר פאַרשטייט דעם בילד. אָבער קען זיין אַז איר וועט זיך איבערטראַכטן וועט איר זען אַז איר זענט שוין אַמאָל געווען דער יעניגער... נישט צוליב שלעכטקייט, נאָר מחמת חסרון אין אַריינטראַכטן.

דעריבער, רופן חברים אין אָנגעשטרענגטע צייטן איז נאָר ווען מען איז אין אַ נויטפאַל, נישט ווייל עס איז יעצט באַקוועם. אַז דאָס קען וואַרטן אויף מוצאי שבת אָדער זונטאָג לאָזט דאָס אויף דאַן, איר וועט פיל פאַרגרינגערן פאַר די חברים וואָלונטירן.

*

## עס איז פיל גרינגער אָנצופילן באַצייטנס די קאַר מיט געזאָלין ווי בלייבן געשטראַנדעט

יעדע קאַר איז אויסגעשטאַט מיט אַ געזאָלין זייגערל, און קיינער לויפט נישט בלינדערהייט אויס פון געזאָלין, געוועגליך איז דאָס ווייל מען איז געווען נאַכלעסיג צו לייגן געזאָלין ווען מען האָט נאָך געקענט און מען פאַרלאָזט זיך אויף די לעצטע מינוט, עס איז תחלתו בפשיעה וסופו באונס.

מאַכט נישט קיין טעות, חברים איז נישט אויסן מיט די שורות צו מוסר׳ן מענטשן און אראפקוקן אויף די וואָס בעטן הילף, מען גיט אַלץ הילף בסבר פנים יפות מען מאַכט נישט קיין חשבונות, ווען אַ איד בעט הילף לויפט מען אים געבן אָן קיין פשט׳לעך.

אָבער מען דאַרף זיין מענטשליך, מען דאַרף אַכטונג געבן נישט אויסצולויפן פון געזאָלין, און אַז מען טוט דאָס קומט גלייך דער שכר נעמליך אַז מען שפּאָרט זיך געלט - וואָרום חברים רעכנט אַ 20$ פאַר דעם פעסל כעמיקאַל געזאָלין וואָס גיבט אייך די צען מייל אָנצוקומען צום נאָנטסטן געזאָלין סטאַנציע. אויך פאַרשפּאָרט איר זיך עגמת נפש און פאַרלוירענע צייט.

ספּעציעל איז דאָס אַ פּראָבלעם ווען מען איז געשטראַנדעט אויף די הויפּט שאָסייען צב״ש דעם רוט 17 און דעם טראָוועי, וואָס געזעצליך טאָרן חברים מיטגלידער אייך נישט ברענגען געזאָלין דאָרטן, דאָס מיינט אַז מיט׳ן נאַכלעסיגקייט שטעלט מען אַריין דעם חברים מיטגליד אין אַ סיטואַציע פון ברעכן דעם געזעץ.

די מעלדונג איז ספּעציעל וויכטיג ווינטער, אין די קאַלטע מאָנאַטן מוז מען אַלץ אַרומפאָרן מיט אַן אָנגעפילטן געזאָלין טאַנק, צוליב אַסאַך אורזאַכן, וואָרום מען קען שטעקן ווערן אין אַ שניי אָדער טראַפיק און מען לויפט אויס פון געזאָלין, און אַז מען האָט נישט די מעגליכקייט צו האַלטן די קאַר וואַרעם איז דאָס אַ סכנה פון פאַרפרוירן ווערן צום טויט ספּעציעל אַז מען טראָגט מיט זיך די פאַמיליע.

אויך קען זיך מאַכן בלעקאַוטס און דאַן קען מען נישט אַריינלייגן געזאָלין אין אויטאָ ווייל די פּאָמפּס ביי געזאָלין סטאַנציעס זענען פאַרשלאָסן.

דעריבער, החכם עיניו בראשו און מען פילט אָן דעם קאַר מיט געזאָלין באַצייטנס און אַזוי מיידט מען אויס עגמת נפש.

## צום שלום:

חברים איז אויסשליסליך אַ נויטפאַל אָרגאַניזאַציע

חברים איז אַ נויטפאַל אָרגאַניזאַציע און העלפט אידן אין דרינגענדע נויטפעלער, זי שטייט גרייט מיט א שטאַב פון 80 אויסגעשטאַטעטע גוט טרענירטע וואָלונטירן וואָס זענען אַלץ גרייט צו העלפן אידן ווען נויטיג.

מען דאַרף דאָס צום קענטעניס נעמען, און וויסן אַז חברים איז נישט קיין מעכאַניק שאַפּ, און נישט קיין געזאָלין סטאַנציע.

אַ נויטפאַל הייסט ווען עמיצער האָט נישט קיין לופט אין רעדל און די קאַר קען זיך נישט רירן, אַז מען האָט אַ לאָך אין רעדל וואָס דאַרף אַ ״פלאָג״ איז דאָס נישט קיין חברים קאָל, חברים קען אייך אָבער העלפן דורך אַראָפּשיקן אַ יונגערמאן וואָס מאַכט ״פלאָגס״ אַלס זיין פרנסה אויס און ער וועט אייך רעכענען 20$ פאַר׳ן דזשאַב.

חברים איז נישט קיין ערזאַץ צו פאָרזיכטיגע פלאַנירונג און קען אייך נישט פאַרריכטן דעם קאַר אָדער אַרויסהעלפן פון זאַכן וואָס זענען נישט קיין נויטפעלער.

# אכטונג דרייווערס!

**נאכדעם וואס איר האט געמאכט א ווילדן Short Stop אין די טונקל, עפנט די פענסטער און לאזט וויסן דעם יונגערמאן וואס גייט אנע רעפלעקטאר:**

**״דו דארפסט מעגליך גומל בענטשן, ווייל דו ביזט נארוואס ב״ה אפגעראטעוועט געווארן פון א גרויסע סכנה״...!!!**

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder
**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

# פרייליכע מעלדונג!

## מיר ווילן מעלדן פאר די חשוב'ע איינוואוינער שיחי'
## אז מען קען ביי אונז אפלייען פאר

# מערידזש לייסענס

## וואס ווערט געמאכט אויפ'ן פלאץ אין ווילידזש אפיס

**מען קען אפלייען פאר מערידזש לייסענס אין די פאלגנדע זמנים:**
**מאנטאג ביז דאנערשטאג:** פון 10:00 פארמיטאג ביז 4:00 נאכמיטאג
**פרייטאג:** פון 10:00 ביז 12:00 פארמיטאג

**אכטונג!**
עס איז וויכטיג אריינצורופן אין ווילידזש אפיס פון פאראויס
צו פארזיכערן אז איר פארמאגט די נויטיגע דאקומענטן
און צו קענען מסדר זיין אלעס אויפ'ן בעסטן פארנעם

פאר מער אינפארמאציע רופט אין ווילידזש אפיס:

# 783-8300 Ext. 2

מיט דאנק
**דער ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט**

# מעמד קביעות מזוזה וחינוך ביהמ"ד החדש
# "דברי יואל דקיט"ל" אויף פראג בולעווארד



כ"ק מרן רבינו שליט"א איז קובע א מזוזה אויפ'ן שער הביהמ"ד



הרה"ג ר' דוד יצחק ווערצבערגער שליט"א
מו"ץ הביהמ"ד איז קובע א מזוזה



הרה"ח ר' דוד עקשטיין הי"ו פרעזידענט
דקהילתינו הק' ביים קובע זיין א מזוזה



הרה"ח ר' משה מרדכי מייערס הי"ו איז קובע א מזוזה



הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו מראה"ק וממנהלי המוסדות והקרי'
טרעט אויף ביים מסיבת לחיים לכבוד המאורע



דער רבי שליט"א וואונטשט אן פארן חשוב'ן אונטערנעמער
פון דעם ביהמ"ד הרה"ח ר' משה מרדכי מייערס הי"ו

# די פייערליכע חתונה אין בני ברק בהשתתפות
# כ"ק מרן רבינו שליט"א



הרבני הנגיד ר' מאיר הירש הי"ו מראשי קהלתינו ומוסדותינו, מכובד אלס "עד כתובה" ביים קבלת פנים



דער מעמד החופה אין צענטער פון שיכון קרית יואל בני ברק



די סעודת החתונה אין דעם גרויסן זאל אין פתח תקוה



די געהויבענע מצוה טאנץ פון כ"ק מרן רבינו שליט"א

**דער מעמד "קביעת מזוזה" אויפ'ן נייעם היכל התורה "היכל משה ארי'" וואס איז געבויעט געווארן אונטער'ן ביהמ"ד הגדול, בנדבת לב השותפים החשובים הרבני הנכבד ר' אליעזר ווייס הי"ו מראשי קהלתנו הק' און הרבני הנכבד ר' גרשון מענדל ניימאן הי"ו**



כ"ק מרן רבינו שליט"א איז קובע א מזוזה אויפ'ן טויער פונעם היכל, ווערט געזעהן דער נדבן הרבני הנכבד ר' גרשון מענדל ניימאן הי"ו



הרבני הנכבד ר' אליעזר ווייס הי"ו מראשי קהלתנו הק' נדבן פונעם היכל טרעט אויף ביים מסיבת לחיים נאכ'ן קביעות מזוזה

# דער גאָטהובענער מעמד הכנסת ספר תורה
# לע"נ רביה"ק בעל ברך משה זי"ע



דער רבי וואונטשט אן פאר הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א
מעיאר וראה"ק דקרית יואל



דער רבי וואונטשט אן פאר הרה"ח ר' בערל פאלאטשעק הי"ו
חבר הנהלת המוסדות בקרית יואל




הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו ווילידזש אדמיניסטראטאר
ביים טאנצן מיט די ספר תורה ברחובה של עיר



ראשי קהילתינו הק' ביי די ריקודין לכבוד התורה בהיכל הביהמ"ד



בשעת די פייערדיגע דרשה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א
ביים מסיבת לחיים נאכן מעמד הכנסת ספר תורה



דער רבי שליט"א טרעט אויף פאר די ילדי תשב"ר
פון מוסדותינו הק' אין בני ברק

# דער רייכער און געהויבענער מעמד "יובל הששים" אפצוצייכענען זעכציג יאר פון התייסדות מוסדותינו הק' אין בני ברק



דער ריזיגער ציבור פון נדיבי עם ביים מעמד יובל הששים



ראשי קהילתינו הק' ביים מעמד



הרבני הנגיד ר' מאיר הירש הי"ו מראשי קהלתינו ומוסדותינו הק' טרעט אויף ביי דעם מעמד




הרבני הנגיד המפואר ר' שלמה משה קלאגסברוין הי"ו ביי זיין דרשה לכבוד המעמד



כ"ק מרן רבינו שליט"א וואונטשט אן פאר הרבני הנגיד ר' שלמה משה הי"ו



הרבני הנגיד המפואר ר' יעקב זוסמאן סופר הי"ו חבר הנהלת המתיבתא ווערט באערט מיט א פלעק ביים מעמד

# הויפנס פון חיזוק פאַר "קרית יואל" בני ברק דורך תושבי עירינו "קרית יואל" ביים מסע המרומם פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

(פארזעצונג פון זייט 1)

געמאכט אן אויסנאם, און געבעטן, אז די נגידים ונדיבים בעם, אישי ציבור ביי וועמען קהלתינו ומוסדותינו אין ארה"ק זענען נאנט צום הארץ זאלן יא מיטקומען, אלעס כדי אז די מוסדות זאלן אויך זיין נאנט צום "אויג" אז מ'זאל זען די מוסדות מער פון דער נאנט, און אזוי ארום באקומען נאך מער מיטגעפיל מיט די הייליגע מוסדות אין ארץ ישראל.

ופקודתו שמרה רוחם, איז די נסיעה געווען מיטבאגלייט דורך אן ענגען צאל נדיבים ונגידים בעם און אישי ציבור וועלכע לאזן זיך קאסטן פאנטאסטישע סכומים און עסקנות להחזקת המוסדות, והלא דבר הוא האט במשך די גאנצע צייט זיך ספעציעל ארויסגעצייגט דעם אויסטערלישן הילף און סיוע וואס אנ"ש תושבי קרית יואל האבן ארויסגעצייגט לטובת די הייליגע מוסדות.

עס איז קיין ספק נישט, אז דער איצטיגער באזוך איז געווען פיל מער ווי סתם חיזוק מיט ווערטער. יא, אנ"ש אין ארה"ק האבן טאקע מיטגעלעבט גאר הייליגע און געהויבענע מאמענטן, ובפרט ביים הערן די דרשות חיזוק והתחזקות וואס מרן רבינו שליט"א האט משמיע געווען בלי חת ומורא, זייענדיג מחזק די שרידים אשר ה' קורא עליהם בדברים חוצבים להבות אש, אבער עוד יותר האבן אנ"ש געשעפט חיזוק מיט גרויסע שעפ-לעפלען דורך די פאנטאסטישע סכומים וואס מרן רבינו שליט"א האט מיטגענומען אויף די נסיעה, דערמיט אפצוראטעווען די הייליגע מוסדות אין בני ברק און אין ירושלים פון דעם אויסנאם שווערער מצב אין וועלכן זיי האבן זיך ליידער געפונען.

און ווידעראמאל האט "קרית יואל" אין ניו יארק נוטל געווען חלק בראש מיט די אויסנאם ריזיגע סכומים וואס איז געשאפן געווארן אין די שטאט לטובת די מוסדות אין ארץ ישראל ובפרט לטובת די מוסדות אין "שיכון קרית יואל" אין בני ברק. אויף דער פערזענליכער איניציאטיוו פון רבי'ן שליט"א איז נאך פאר די נסיעה געשאפן געווארן ריזיגע סכומים פון די תושבי עירינו, און טראץ וואס תושבי קרית יואל האבן אייגענע צוועקן, נאנט צום הארץ און צום אויג, די הייליגע קהילה און מוסדות, די תלמוד תורה, בית רחל, ישיבה גדולה, פילצאליגע מוסדות חסד און אומצאליגע פריוואטע צוועקן, איז מען ווידעראמאל נענה געווארן צום קריאת הקודש פון מרן רבינו שליט"א, און די נגידים בעם תושבי עירינו האבן זיך אנגעשטרענגט איבער די כוחות קעגנצוקומען דעם רבי'ן שליט"א מיט פאנטאסטישע סכומים, וואס האט גאר שטארק מחזק געווען דעם ציבור אנ"ש אין ארה"ק.

נאך איידער דער רבי שליט"א האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן מסע המרומם, האט זיך אנגעזען דער אויסטערלישער ווארימקייט, ובפרט ווען בפקודת הקודש פון רבי'ן שליט"א האט דער בארימטער איש המעש הרבני הנגיד הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו מראשי ומנהלי המוסדות והקרי', זיך ארייגעלייגט בלב ובנפש צו שאפן פאנטאסטישע סכומים לטובת די מוסדות אין ארה"ק. טראץ וואס ר' מאיר הי"ו טראגט אויף זיך אזא גרויסן עול פון פארשידענע ריזן פראיעקטן דאהי אין קרית יואל, ובפרט פון די הייליגע מוסדות מיט אירע אריבער זיבן טויזנט תשב"ר בליעה"ר, האט ער אבער פארקוקט אויף אלעם, און זיך מטריח געווען בטירחא דגופא וממונא צו שאפן ריזיגע סכומים, וכאשר היתה באמנה אתו פון די פריערדיגע געלעגנהייט ווען ר' מאיר הי"ו האט שוין פארגאנגענעם פאר יום טוב פסח תשע"א זיך ארייגעלייגט בכל נימי לבבו ונפשו צו שאפן די פאנטאסטישע סכומים לטובת די ארץ ישראל'דיגע מוסדות.

דאס אלעס איז געווען נאך איידער די נסיעה האט זיך בכלל אנגעהויבן, און זייענדיג אצינד א פרישע געלעגנהייט ווען דער עצם עקזיסטענץ פון קרית יואל אין ניו יארק איז געקומען צום אויבערפלאך מיט'ן פולן פראכט און גלאנץ, ווען מ'האט געזען בחוש ווי רצון קדשו און דער הייליגער שטרעבן פון רבי'ן זי"ע ביים מייסד זיין די קרי' נאמנה ווערט ב"ה אויסגעפירט מיט'ן פולסטן שטארקייט, ווילן מיר אצינד כאטש אין קורצן איבערגיין די שפיצן פון די געהויבענע ימי ביקור, און ווי שטארק תושבי קרית יואל האבן בכל לבם ונפשם אויסגעפירט רצון קדשם פון רבוה"ק ביים באפעסטיגן דעם קשר צווישן אנ"ש אין אויסלאנד מיט די הייליגע מוסדות אין ארה"ק, וועלכע מ'האט אזוי שטארק מחזק געווען און באפעסטיגט.

## ויהי בנסוע

פארגאנגענעם מאנטאג נאכט פרשת משפטים האט דער רבי שליט"א זיך ארויסגעלאזט פון דאהי אין קרית יואל אין באגלייטונג פון אן ענגן קרייז מקרובים און משמשים, אויפ'ן וועג צום לופטפעלד, פון וואו דער רבי שליט"א האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג קיין ארה"ק.

אנקומענדיג אין ארה"ק האט דער רבי שליט"א דאס ערשטע זאך מחזק געווען דעם כח התורה פון די הייליגע מוסדות, ווען דער ערשטער תפלת שחרית פון דינסטאג אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט אינעם אפרוה-ארט סביון, וואו עס האט אפגעווארט דעם רבי'ן שליט"א די חשוב'ע בחורי חמד, תלמידים פון ישיבתינו הק' "ישיבה גדולה מהרי"ט אין בני ברק, וועלכע האבן באקומען די געלעגנהייט מיטצוהאלטן דעם תפלת שחרית לאות הוקרה פאר'ן זיך מצטיין זיין מיט'ן אויפשטיין פארטאגס במשך די פארלאפענע וואכן כפי רצון קדשו פון רבי'ן זי"ע.

אין די זעלבע צייט איז אין היכל הישיבה קטנה שע"י מוסדותינו הק' אין בני ברק, אפגעהאלטן געווארן דער שיינער קבלת פנים לכבודו פון הרבני הנגיד המפואר ר' שלמה משה הלוי קלאגסברוין הי"ו יו"ר הנהלת ביהמ"ד אהל פיגא דקיט"ל, ומגדולי תומכי ונדיבי קהלתינו ומוסדותינו הק', דער נדבן בה' הידוע וועלכער האט בעבר זיך שוין געלאזט קאסטן פאנטאסטישע סכומים לטובת ה מוסדות אין בני ברק, און דער מעמד איז אפגעהאלטן געווארן טאקע אינעם היכל הביהמ"ד פון די ישיבה קטנה "היכל שלמה משה" וואס טראגט זיין נאמען.

נאכדעם וואס ר' שלמה הי"ו איז נתפעל געווארן פון דעם ווארימען תפלת שחרית צוזאמען מיט די בחורים בראש פונעם ראש ישיבה שליט"א אינעם יום החופה, האט מען געפראוועט דעם מסיבת לחיים, ביי וועלכן מ'האט געהערט די שיינע אויפטריטן פון הגה"צ ראש הישיבה שליט"א, פונעם מנה"ר הרה"ג רבי יצחק דוד יאקאב שליט"א און עקסטער פונעם נדבן ר' שלמה משה הי"ו וועלכער האט ארויסגעברענגט זיינע איינדרוקן פון דעם געהויבענעם באזוך.

## בזמן שהצדיק בעיר

אין די נאכמיטאג שטונדן איז דער רבי שליט"א ערשינען אין בני ברק, און נאך א שיינעם באזוך ביי ידינ"פ הגאון האדיר פוסק הדור בעל שבט הלוי שליט"א איז דער רבי שליט"א ערשינען אין היכל בית מדרשינו הגדול, וואו עס איז דאן געפראוועט געווארן דער התעוררות'דיגער מעמד קבלת פנים לכבוד החתן שליט"א בן הגה"צ ראש ישיבתינו הק' שליט"א פון בני ברק, בן כ"ק הגה"צ גאב"ד דקהלתינו הק' שליט"א פון בארא פארק, עב"ג הכלה תחי' טאכטער פון הגה"צ אבדק"ק ראצפערט-בראזיל שליט"א.

ביי די כיבודים בשעת דעם קבלת פנים און חופה איז געווען מערקווערדיג ווי עס זענען נתכבד געווארן א שיינער צאל נגידים מתושבי עירינו, וועלכע זענען נתכבד געווארן לאות הכרת הטוב פאר זייערע שטענדיגע לייסטונגען לטובת די קהלה אין די מוסדות. אלס "עדי תנאים" זענען מכובד געווארן הרבני החסיד ר' אליעזר ווייס הי"ו סגן ראה"ק דקהלתינו, און הרבני הנגיד ר' יצחק ראזענבערג הי"ו סגן ראה"ק דקהלתינו הק' אין וויליאמסבורג. אלס "עדי כתובה" זענען מכובד געווארן הרבני הנגיד ר' מאיר הירש הי"ו מראשי קהלתינו ומוסדותינו, און הרבני הנגיד ר' אהרן משה שלאגער הי"ו חבר הנהלת מוסדות יטב לב בארה"ק. אלס איינער פון די "עדי קידושין" איז מכובד געווארן הרבני הנגיד ר' שלמה משה קלאגסברוין הי"ו מגדולי תומכי קהלתינו ומוסדותינו, און אלס איינער פון די "עדי יחוד" איז מכובד געווארן הרבני הנגיד ר' שלמה צבי בר"ד עקשטיין הי"ו חבר הנהלת מוסדות יטב לב בארה"ק צוזאמען מיט הרבני החסיד ר' מאיר פערל הי"ו.

די סעודת החתונה איז דערנאך געפראוועט געווארן באזונדער פאר'ן ציבור תושבי ארה"ק און באזונדער פאר די חו"ל'דיגע אורחים פאר וועמען די סעודה איז סערווירט געווארן אין א גרויסן שאטער נעבן דעם גרויסן זאל אין פתח תקוה וואו די חתונה איז געפראוועט געווארן. דערביי האבן זיך אנגעזען פילצאליגע תושבי עירינו. שפעטער איז געפראוועט געווארן די געהויבענע סעודות החתונה צו וועלכן עס האבן געשטראמט טויזנטער אנ"ש, און ביז שפעט אין די נאכט האט מען זיך משמח געווען בשמחה הגדולה, פון וואס דער קלימאקס איז געווען די געהויבענע ריקודין של מצוה וואס דער רבי שליט"א האט געפראוועט לפני הכלה מיט א זעלטענעם ברען און התלהבות.

## כל הלבבות דורש

אין די נאכפאלגנדע טעג איז דער מסע המרומם געווען דער געשפרעך פון טאג צווישן תושבי עירינו. וואו אימער א קבוצה אידן האבן געשמועסט צווישן זיך, האט מען בעיקר געהערט רעדן פון די נסיעה. אידן האבן זיך כסדר נאכגעפרעגט איבער די כסדר'דיגע נאכאנאנדע באריכטן, וואו דער רבי שליט"א האט באזוכט, און ווער עס האט באזוכט ביים רבי'ן שליט"א. וואו האלט מען אצינד, און אויף וואס גרייט מען זיך.

גלייכצייטיג האט מען כסדר געזען נאך און נאך אידן "כאפן זיך מיט" קיין ארה"ק, כולם כאחד תושבי עירינו וועלכע האבן שוין א פיליעריגן רעקארד פון החזקת מוסדות יטב לב, ווערלענדיג נאכקומען רצון קדשו פון רבי'ן שליט"א אז דער באזוך זאל זיין דייקא געווידמעט אלס מסע חיזוק פאר'ן ציבור אנ"ש אין ארה"ק.

דורכאויס די גאנצע צייט פונעם מסע המרומם זענען די בניני והיכלי המוסדות געווען באלאגערט מיט פילע אנ"ש תושבי קרית יואל און פון אנדערע מקומות, וועלכע האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט פערזענליך צו באזוכן אין אלע אפטיילונגען פון די מוסדות, כדי זיך נענטער צו באקענען מיט'ן בליה און וואוקס, און די באזוכער זענען נתפעל געווארן צו טרעפן פאר זיך אזעלכע פרעכטיגע מוסדות וואס זענען קאים וקיימים לשם ולתהלה.

זיך דרייענדיג אין די פארשידענע אפטיילונגען פון די מוסדות איז געווען א מחזה הוד זיך צו שפירן "היימיש" שפרייזענדיג פון איין "קרית יואל'ער היכל" צו די צווייטע. אינעם היכל הישיבה קטנה האט מען געטראפן דעם שיינעם ביהמ"ד "היכל שלמה משה" בנדבת לב הרבני הנגיד ר' שלמה קלאגסברוין הי"ו יו"ר הנהלת ביהמ"ד אהל פיגא דקיט"ל, יעדן אינדערפרי האט מען זיך גע'טובל'ט אינעם פראכטפולען מקוה "שמואל בנימין" וועלכע מ'האט ממש נישט דערקענט, נאכדעם ווי עס איז מיט א צייט צוריק פראכטפול איבערגעבויט געווארן בנדבת לב הרבני הנגיד ר' יעקב זוסמאן סופר הי"ו חבר הנהלת המתיבתא. גייענדיג ווייטער אינעם זעלבן בנין האט מען טועם געווען אינעם פראכטפולער עסזאל "היכל שמעון משה" בנדבת לב הרבני הנגיד ר' שמעון משה קעפעטש הי"ו חבר הנהלת מוסדותינו. און אין די אנדערע אפטיילונגען האט מען ווידער געטראפן פרישע איינריכטונגען וואס תושבי קרית יואל האבן מנדב געווען במשך השנים.

הערליכע אויפנאמעס זענען אפגעהאלטן געווארן אין פארשידענע זמנים במשך די נסיעה, ספעציעל פאר די געטרייע ראשי הקהלה און חברי הנהלת המוסדות פון דאהי, וועלכע האבן בפקודת הקודש פון רבי'ן שליט"א באזוכט אין די הייליגע מוסדות.

באזונדער האט אן ענגע קבוצה פון נגידים תושבי עירינו באזוכט אינעם בנין פון די "מיידל שולע" אויף די פערזענליכע בקשה פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א, כדי צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם אויסטערלישן דחקות און דעם שרעקליכן צושטאנד פון דעם בנין, וועלכע האט שפעטער צושטאנד געברענגט די פאנטאסטישע סומעס פון "דריי מיליאן דאלאר" וואס דער רבי שליט"א האט דארט אויפ'ן ארט געשאפן פון תושבי ק"י, כדי צו קענען צוטרעטן צום אויפבוי פון א נייע מיידל שולע.

דאנערשטאג פרשת משפטים אין די מיטאג שטונדן האט דער רבי שליט"א אפגעהאלטן א ספעציעלע אסיפה מיט די ראשי הקהלה ומנהלי מוסדותינו הק' פון דאהי קרית יואל, צווישן זיי, הרבני הנגיד ר' אברהם ווידער הי"ו ראש העיר וראש הקהל, הרבני הנגיד ר' בערל פאלאטשעק הי"ו חבר הנהלת המוסדות און נאך, איבער פארשידענע פרטים און דעטאלן איבער'ן בליה און וואוקס פון די קהלה און מוסדות אין ירושלים און אין בני ברק, פאר וועלכע די געטרייע חברי הנהלת המוסדות זענען שטארק בייהילפיג געווען.

## תל תלפיות

אויף א באזונדערן פארנעם איז דער ביהמ"ד הגדול "ויואל משה" אין שיכון קרית יואל געווען א טרעפ-פונקט פאר פילצאליגע אורחים, צוזאמען מיט אידן פון ארה"ק וואס זענען געקומען מקבל פנים זיין פני קדשו פון רבי'ן של יט"א.

דאנערשטאג נאכט איז געווען פון די שענסטע קלימאקסן אינעם מסע המרומם, דעם לומד'ישן שיעור וואס דער רבי שליט"א האט פארגעלערנט אינעם פול-געפאקטן ביהמ"ד, וואס האט צונויפגעברענגט די סמעטענע פון די לומדים אין בני ברק, צוזאמען מיט א ריזן ציבור אנ"ש פון אומעטום, וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען מיטצוהאלטן די טיפע פלפולים און לומד'ישע סברות וואס דער רבי שליט"א האט געגאסן אומאויפהערליך מיט א געוואלדיגן חריפות ובקיאות.

(פארזעצונג אויף זייט 18)

## אשת חבר כחבר

### פראַכטפולע קבלת פנים לכבודה פון הרבנית הצדיקת תליט"א

אין די צייט וואָס עדת חסידי סאַטמאַר זענען געווען פאַרזאַמעלט אין פתח תקוה ביים מעמד יובל השישים, האָבן די נשים צדקניות זיך פאַרזאַמעלט אין די זאַלן פון "יד עזרה" וואו עס איז אָפגעהאַלטן געוואָרן א פראַכטפולע מסיבת קבלת פנים לכבודה פון די אשת חבר הרבנית הצדיקת תליט"א.

נאכדעם וואס די תלמידות תחיו האָבן געזונגען שיינע לידער און גראַמען, האט מען געהערט די גאר אויפריכטיגע ווערטער פון הרבנית הצדיקת תליט"א וועלכע האָט אַרויסגעברענגט דעם שטאָלץ וואָס א סאַטמאַרער תלמידה דאַרף האָבן צו קענען גיין קעגן דעם שטראָם פון די גאַס, זיך צו פירן מיט צניעות און ערליכקייט און נישט נתפעל ווערן פון די פרעמדע גאַס.

א סאַטמאַרער תלמידה דאַרף וויסן, אַז געענוי ווי מען זאָגט יעדן טאָג "שלא עשנו גוי" וואָלט מען עקסטער געדאַרפט מאַכן א ברכה "ברוך שעשני סאַטמאַרער". עס איז א כבוד און זכי' אַז מ'איז נתחנך געוואָרן דורך אַזאַ הייליגן רבי'ן וואָס האָט אונז געגעבן הדרכות און אָנווייזונגען וויאזוי צו זיין אפגעהיטן אין יעדן הינזיכט, און צו דעם דארף מען זיך ווייטער האַלטן עד ביאת הגואל.

די טייערע פערל-ווערטער פון די רביצין תליט"א האט שטארק עושה רושם געווען אויף די פילצאליגע פארזאמעלטע.

# הויפנס פון חיזוק פאַר "קרית יואל" בני ברק דורך תושבי עירינו "קרית יואל" ביים מסע המרומם פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

(פארזעצונג פון זייט 17)

צומארגענס פרייטאג-אינדערפרי איז ווידעראמאל פארשטערקערט געווארן דער קשר צווישן תושבי קרית יואל אין ניו יארק און קרית יואל אין בני ברק, ווען עס איז אפגעהאלטן געווארן דער הערליכער מעמד "קביעת מזוזה" אויפ'ן נייעם היכל התורה "היכל משה ארי'" וואס איז געבויט געווארן אונטער'ן ביהמ"ד הגדול, בנדבת לב השותפים החשובים הרבני הנכבד ר' אליעזר ווייס הי"ו מראשי קהילתנו הק' און הרבני הנכבד ר' גרשון מענדל ניימאן הי"ו. אויפ'ן שטייגער פון אנדערע מקומות איבער די וועלט, וואס מ'קען היינט שווער טרעפן א היימישע סאטמארער ווינקל וואו מ'זעט נישט פערמענאנט פיגורירן זייער נאמען אלס א נדבן פון א בנין אדער פראיעקט וואס זיי האבן מנדב געווען, איז דאס געווען ספעציעל אנזעבאר אויך אין בני ברק, ווען זיי האבן מנדב געווען דעם נייעם היכל התורה לשם ולזכר רבם הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצ"ל גאב"ד ירושלים בעל עטרת יהושע.

אין זיינע דברות קודש וואס דער רבי שליט"א האט משמיע געווען ביים מעמד, האט דער רבי שליט"א ספעציעל מאריך געווען בשבחם פון די חשוב'ע נדבנים וועלכע זענען ביידע סימבאלן פון א "קרית יואל'ער תושב" און דאן מאריך געווען מיט פייערדיגע דברות קודש איבער די קדושה פון ארץ ישראל, וואס מיט יעדעס ביסל תורה בויט מען טאקע ארץ ישראל, אבער דאס איז נאר אויב מ'בויט און מ'האלט זיך אויס פון ערליכע מקורות. אויב ח"ו קען מען נישט ביישטיין דעם נסיון, און מ'איז נהנה ממקורות זרים, מיט אזא תורה בויט מען נישט ארץ ישראל, אדרבה, מיט דעם מאכט מען נאר חרוב, און ליידער אין אזא גרויסע שטאט ווי בני ברק, איז דא ווייניג צו טרעפן ערליכע תורה ווי אין דעם היימישן סאטמארער ווינקל אין די שטאט.

די דברות קודש פון רבי'ן שליט"א האט געהאט א קאלאסאלן אפקלאנג אין גאנץ ארה"ק, און אין די פרייע פרעסע האט מען געשאטן פעך און שוועבל אויפ'ן רבי'נס אדרעס, פאר'ן משמיע זיין אזעלכע דרייסטע דיבורים.

## שבת משולשת

דאן האט נאכגעפאלגט א זעלטן געהויבענער שבת, א שבת המשולשת, שבת שקלים, מברכין החודש אדר, ושבת של שמחה בחצר הקודש וואס דער רבי שליט"א האט געפראוועט אין די בני ברק, זייענדיג א מעין קיבוץ גליות פון אידן נגידים ונדיבים אן אישי ציבור מארבע פינות הארץ, ובפרט תושבי עירינו קרית יואל וועלכע האבן ספעציעל ארויסגעשיינט דורכאויס דעם גאנצן שבת מיט זייער אנוועזנהייט און גרייטקייט צו שטיצן די הייליגע מוסדות. די סעודות שבת קודש האבן די געסט פון אומעטום געגעסן צוזאמען אין זאל פון יד עזרא, און די תפלות האט מען געדאווענט אין היכל ביהמ"ד הגדול.

גאר גאר געהויבן איז געווען דער שולחן הטהור פון ליל שבת קודש וואס דער רבי שליט"א האט געפראוועט אינעם "אולם הגדול" אויף זיין אייגנארטיגן שטייגער, מלא וגדוש מיט זמירות ותשבחות, און דער קלימאקס דער טיפער דרוש ופלפול וואס דער רבי שליט"א האט משמיע געווען ביים מעניני שבת שקלים וואס האט אריינגעברענגט א ריתחא דאורייתא ביים גאנצן ציבור. שפעטער נאכ'ן בענטשן האט דער רבי שליט"א געפראוועט זיין עבודת הקודש מיט די ריקודין של מצוה לפני הכלה וואס האט אריינגעצויגן יונג און אלט אין א זעלטענעם התלהבות והתרגשות של קדושה.

צומארגענס שבת אינדערפרי נאכ'ן דאווענען זענען ספעציעל מכובד געווארן די חשוב'ע נגידים תושבי עירינו וועלכע האבן אלע גע'שנדר'ט ריזיגע סכומים לטובת החזקת המוסדות, ה"ה: לוי, הרבני הנגיד בנש"ק מו"ה"ר שלמה משה קלאגסברוין הי"ו; הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו, הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו, הרה"ח ר' דוד עקשטיין הי"ו, הרה"ח ר' אליעזר ווייס הי"ו, הרה"ח ר' גרשון מענדל ניימאן הי"ו, הרה"ח ר' יעקב זוסמאן סופר הי"ו, הרה"ח וואלף פערל הי"ו, הרה"ח שלמה הערש בר"ד עקשטיין הי"ו,און נאך. דער קלימאקס פון דעם געהויבענעם שבת איז געווען בעת רעווא דרעווין ווען בני ברק האט געהערט דאס וואס חסידי סאטמאר זענען אלע יארן געוואוינט צו הערן מפום רבוה"ק דעם קול חוצב להבות מיט דברי כיבושין לקראת ימי השובבי"ם. שטייענדיג אין די לעצטע מינוטן פון די ימים הקדושים האט דער רבי שליט"א בקול בכי ומעורר ארומגערעדט אז מ'זאל נאך אויסנוצן די לעצטע מינוטן אויף התעוררות תשובה, און ווי רביה"ק זי"ע פלעגט מעורר זיין, אז דער זמן פון שבת מברכין און שבת שקלים איז ספעציעל מסוגל צו קענען תשובה טון אויסצואוואשן די פגמי הנפש.

## לזכר נשמת רבינו

א קורצע צייט נאכ'ן זמן מוצאי שבת איז געפראוועט געווארן דער זעלטן פייערליכער מעמד "הכנסת ספר תורה" וואס אנ"ש אין בני ברק האבן צוזאמען געשריבן לעילוי נשמת מרן רבינו הקדוש בעל ברך משה זי"ע. די גאסן פון בני ברק זענען געווען שווארץ פון מאסן אידן וועלכע האבן באגלייט די ספר תורה לכל אורך הדרך, און אויפ'ן גאנצן וועג איז געווען מערקווערדיג ווי די ספר תורה איז איבערגענומען געווארן מיד ליד דורך די סאמע גרעסטע פילאנטראפן און עסקנים פונעם סאטמארער הויף, צווישן זיי די חשוב'ע ראשי ופני קהלתינו הק' פון דאהי אין קרית יואל, ובתוכם הרבני ר' גדלי' סעגעדין הי"ו ווילעדזש אדמיניסטראטאר און נאך.

די פייערדיגסטע מאמענטן פון וואס דער ציבור דערציילט מיט אויסטערלישן התפעלות, איז דער מעמד נורא, ווען מרן רבינו שליט"א האט אריינגעפירט די ספר תורה אין ביהמ"ד, און האט זיך ארויסגעלאזט אין אומבאשרייבליך פייערדיגע ריקודין וואס האט מיטגעריסן דעם גאנצן ציבור. מ'האט געשפירט בחוש אז רוחם הטהור פון רבוה"ק זי"ע איז חופפת עלינו, און עס האט יעדן מרגש געווען מיט א זעלטענעם התלהבות דקדושה. ערשט נאך א לענגערע צייט טאנצן ווי ביי די הקפות, האט דער ציבור זיך ארויסגעלאזט אין פייערדיגע רינגן שלובי יד ביד, און עס איז געווען א מחזה הוד, ווי די סאמע גרעסטע ראשי הקהלה טאנצן מיט אן אייגענטליכען התלהבות אנגעכאפט מיט אידן פון אומעטום א בילד וואס וועט שווער פארגעסן ווערן פון סיי וועמען עס האט עס מיטגעהאלטן.

אויב האט מען געמיינט אז דער קלימאקס איז שוין געווען, איז מען ערשט אנגעקומען נאך די פייערדיגע דברות קודש וואס דער רבי שליט"א האט משמיע געווען דערנאך, ארויסברענגענדיג דעם קשר וואס מרן אביו רביה"ק בעל ברך משה זי"ע האט געהאט צו די קהלה אין בני ברק, און ווי פאסיג עס איז אז די בני הקהלה שרייבן די ספר תורה לעילוי נשמתו.

בקול חוצב להבות האט דער רבי שליט"א ארומגערעדט איבער דעם וואס רביה"ק זי"ע איז מאריך אין ספה"ק ויואל משה, אז א פגם עבירה אין ארץ ישראל איז פיל הארבער ווי ערגעץ אנדערש, און מיט גרויס ווייטאג האט דער רבי שליט"א ארויסגעברענגט אז ליידער ווען מ'קומט קיין ארץ ישראל זעט מען ווי די כופרים ומינים האבן מטמא געווען דאס לאנד מיט זייערע עוונות ופשעים, און אפילו ביי פארשידענע חסיד'ישע קרייזן גייט מען ליידער מדחי אל דחי מיט'ן זיך מתחבר זיין צום מלכות המינות, אלעס ווייל עס איז נישט דא דער ריכטיגער חומת ההתבדלות. דער רבי שליט"א האט גערופן דעם ציבור זיך גענצליך מתנזר זיין פון יעדן מין שייכות און התקרבות למלכות המינות, וואס נאר דורכדעם וועט מען אי"ה זוכה זיין בקרוב צום "וכל קרני רשעים אגדע תרוממנה קרנות צדיק".

דער קול ה' בכח פונעם רבי'ן שליט"א האט געהאט א ווייטן אפקלאנג איבער די לענג און ברייט פון ארה"ק, און דאן האט דער ציבור ספאנטאן אויסגעבראכן אין א פייערדיגן ריקוד אויף "ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו והבדלנו מן התועים ונתן לנו תורת אמת וחיי עולם נטע בתוכינו" וואס האט איבערגעזינגען צענדליגער מאל נאכאנאנד מיט א זעלטענעם אש של קדושה.

דאן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין הערליכע ריקודין וואס האט אנגעהאלטן ביז שפעט אין די נאכט.

## היום יום ראשון

צומארגנס זונטאג אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט מיט די ילדי תשב"ר תלמידי הת"ת פון ירושלים און בני ברק, און א טאג דערויף מאנטאג האט דער רבי שליט"א געדאווענט מיט די בחורי חמד תלמידים פון די סאטמארער ישיבות, פאר וועמען דער רבי שליט"א האט משמיע געווען ווארימע דברי חיזוק והדרכה.

ווי אן אפשפיגלונג פון קרית יואל דאהי אין ניו יארק, האבן דאן באזוכט ביים רבי'ן שליט"א די שיינע ישיבה אין ירושלים וואס איז נתייסד געווארן דורך הגאון רבי חיים שמערלער שליט"א ספעציעל פאר בחורים וואס זענען שוין עלטער פונעם געוועגליכן מסגרת ווען בחורים לערנען אין א ישיבה, גייענדיג אין די פיסטריט פון די היזיגע בארימטע "שיעור ד'" וואס שמ'ט אין די גאנצע וועלט.

אין די אוונט שטונדן איז אפגעהאלטן געווארן דער גאר רייכער און געהויבענער מעמד "יובל הששים" אפצוצייכענען זעכציג יאר זינט די מוסדות הק' אין בני ברק זענען בשנת תשי"ב נתייסד געווארן דורך מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע.

ביי דער געלעגנהייט איז ספעציעל געקומען צום אויסדרוקן דאס ווארימקייט וואס תושבי קרית יואל האבן צו די הייליגע סאטמארער מוסדות אין ארה"ק, וועלענדיג האבן א חלק אינעם מלחמה לה' בעמלק וואס די מוסדות רופן אויס בריש גלי. ביי די מסיבה האט מען ספעציעל באעהרט דריי נדיבים בעם, דער רוח החיים פון די אקציע, הרבני הנגיד המפואר ר' מאיר הירש הי"ו מראשי קהלתינו ומוסדותינו הק', וועלכער האט אויפגעטרעטן מיט א פייערדיגע דרשה, און די דברים היוצאים מן הלב איז געווען קולעים אל השערה, ווערנדיג אויפגענומען מיט א געוואלדיגן קורת רוח דורכ'ן ציבור אנ"ש אין ארה"ק. דאן האט מען באעהרט הרבני הנגיד המפואר ר' שלמה משה קלאגסברוין הי"ו וועלכער האט משמיע געווען דברים היוצאים מן הלב, איבערגעבענדיג די איינדרוקן פון זיינע באזוכן אין די בניני המוסדות, און דאן האט מען בנזר ותפארה מכבד געווען הרבני הנגיד המפואר ר' יעקב זוסמאן סופר הי"ו חבר הנהלת המתיבתא.

דער הויכפונקט איז ווייטער געווען די דרשה נלהבה פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א וואס האט משמיע געווען מלא וגדוש בדברי חיזוק והדרכה פאר'ן ציבור אנ"ש פון ארה"ק און פון אומעטום.

## ברחבי ארה"ק

אויך אויף אנדערע מקומות אין ארה"ק האבן זיך געשפירט די כוואליעס פון חיזוק וואס אנ"ש פון אומעטום, ובפרט תושבי קרית יואל האבן משפיע געווען בעת דעם געהויבענעם באזוך.

פילעתושביעירינוהאבןאויסגענוצט די געלעגנהייט זיך אריבערצוכאפן קיין ירושלים, מיטצוהאלטן דעם בליה און וואוקס פון קהלתינו ומוסדותינו הק', פונעם בארימטן כולל, די הערליכע ישיבה קטנה און די תלמוד תורה וואס איז לשם ולתהלה אין די גאנצע שטאט.

איבער די וואך האבן די לומדי כולל למצוינים ויואל משה שטארק נהנה געווען פון דער אנוועזנהייט פון הרבני הנגיד ר' מאיר הירש הי"ו מראה"ק, וועלכער האט זיך קובע געווען אויף עטליכע טעג עוסק צו זיין בתורה צוזאמען מיט די רבנים לומדי הכולל שליט"א.

באזונדערע באזוכן האבן די ראשי ופני קהלתינו הק' אפגעשטאט אין די שטאט בית שמש, וועלכע איז היינט דער גרעסטער צענטראל פונקט פון אידן חסידים ואנשי מעשה, שלומי אמוני ישראל וואס האלטן זיך פעלזן פעסט צו די שיטה הקדושה והבהירה פון מרן רביה"ק זי"ע.

בראש פון די דעלעגאציע אין בית שמש האט זיך אנגעזען דער אלעמען-באקאנטער מאיער וראה"ק הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו וועלכער איז צוזאמען מיט נאך ראשי קהלה, ה"ה: הרבני הנגיד מוה"ר בערל פאללאטשעק הי"ו חבר הנהלת המוסדות, הרבני החסיד מוה"ר אליעזר ווייס הי"ו מראשי הקהלה, און הרבני החסיד מוה"ר גרשון מענדל ניימאן הי"ו מחשובי אנ"ש, אריבערגעפארן קיין בית שמש מחזק צו זיין די ארטיגע אידן, ובפרט אנ"ש וואס האלטן זיך צוזאמען, ובמיוחד דעם נייעם כולל "דברי יואל" וואס איז דארט נתייסד געווארן מיט א צייט צוריק.

נאך א לענגערע צייט באזוכן און מחזק זיין, האט די נדיבי לב זיך באשטייערט מיט שיינע סכומים פאר די ארטיגע קהלות און מוסדות, און באזונדער פאר די בארימטע חסד פראיעקטן פון העסקן הדגול הרב יעקב אטיק הי"ו.

## נסיעה למקומות הקדושים

אין די נאכפאלגנדע טעג האט רבינו שליט"א באזוכט ביי די מקומות הקדושים אין גליל, אנהייבנדיג אין טברי' וואו עס איז מאנטאג נאכט געפראוועט געווארן א ספעציעלע מסיבת הכרת הטוב פאר נגידים בעם וואס האבן זיך באשטייערט מיט פאנטאסטישע סכומים להחזקת המוסדות והקהלות.

דינסטאג איבער'ן טאג האט מען צוזאמען מיט'ן רבי'ן שליט"א מתפלל געווען אויף די קברי תנאים ואמורים און גדולי צדיקי החסידות, פון וואס דער קלימאקס איז געווען די התעוררות'דיגע תפלות און נאכפאלגנדע פייערדיגע ריקודין ביים ציון הק' פון התנא האלקי רבן שמעון בר יוחאי זי"ע אין אתרא קדישא מירון.

דארט אויפ'ן פלאץ האט דער רבי שליט"א מעריך געווען שולחנו הטהור לכבוד הילולת זקינו הגה"ק בעל קדושת יום טוב מסיגוט זי"ע, ביי וועלכן דער רבי שליט"א האט ווידעראמאל משמיע געווען גאר פייערדיגע דברות קודש, דברי חיזוק והתעוררות, ובפרט איבער דעם זהירות וואס מ'דארף האבן נישט צו רעדן די טריפה'נע העברעאישע שפראך, און איבער דעם שטאלץ וואס א סאטמארער תלמיד און תלמידה דארפן האבן זיך צו פירן אויף דעם אויסגעטראטענעם וועג וואס רבוה"ק זי"ע האבן אונז געלערנט.

דער רבי שליט"א איז דערנאך נאך פארבליבן אויף א טאג אין ארה"ק, און מיט דעם איז געקומען צו אן ענדע די גאר געהויבענע תשעת הימים וואס איז געווען ווי א יומא אריכתא פון זעלטענעם התרוממות הנפש וואס וועט קיינמאל נישט פארגעסן פונעם ארטיגן ציבור.

תנא ושייר, איז אין דעם ארטיקל קוים ארויסגעברענגט געווארן די סאמע הויכפונקטן פון די נסיעה, וועלכע קען סיי-ווי אין קיין פאל נישט געשילדערט און באריכטעט ווערן אויפ'ן געהעריגן פארנעם, זייענדיג אזוי מלא וגדוש מיט געהויבענע און פייערדיגע מאמענטן.


גמ"ח הצלה אפעלירט צו אייך:

פארט איר

סיי ווען, סיי וואו,

און איר האט פלאץ?

ביטע רופט:

845-782-5376



# בריוו פון תושבי הקרי'



### אומדירעקטע בענעפיט פון פאַרק ענד רייד לאַט: חברים אָן אַ שטאָך אַרבעט...

אל כבוד פון די רעדאקציע פונעם הערליכן צייטונג הקריה, איר זאָלט מצליח זיין מיט אייער הערליכע אַרבעט.

איך האָב געוואָלט מיט דעם בריוו אַרויסברענגען אַ דאַנק פאַר די ווילעדזש פירער פאַר׳ן אַהערשטעלן דעם באַקוועמען ״פאַרק ענד רייד״ קאָמיוטער פאַרקינג לאַט אויף בעיקערטאַון ביים אַריינקום צו קרית יואל, פון אַ בליק פון אַ חברים מיטגליד.

ביז נישט לאַנג צוריק, ווען דער פאַרקינג לאַט איז נאָכנישט געווען אין עקזיסטענץ, פלעגן די קאָמיוטערס פאַרקן איבעראָל אויף די זייטן פון די גאַסן אויף בעיקערטאַון ראָוד זה בכה וזה בכה, עס האָט נישט געהאַט קיין באַשטימטן סדר.

די מענטשן יאָגן זיך דאָך צום באָס און מען פלעגט אריינפאַרקן וויאַזוי עס האָט זיך געלאזט, אָפטמאָל פלעגט מען בלייבן שטעקן אין די בלאָטע און ביינאַכט האָט מען האָט געהאַט יענע אַרבעט, אָדער האָט מען פאַרקירט אויף אַ וועג וואָס האָט געשטערט דעם טראַפיק אַ גאַנצן טאָג אויף בעיקערטאַון ראָוד.

דאָס אַרגסטע איז געווען אין די פאַרשנייטע ווינטער מאָנאַטן, עס איז דאָך נישט געווען קיין אויפגעשאַרטע פאַרקינג אָרט אויף בעיקערטאַון ראָוד, די מענטשן וואָס יאָגן זיך צום באָס פלעגן אריינשמעטערן אין די טיפע שנייען מיט׳ן נאָז פונעם אויטאָ אין די צופרי שעה׳ן, נישט טראַכטנדיג וואָס עס מיינט פאַר זיי ביינאַכט.

ווען די באָסעס פון די שטאָט האבן אנגעהויבן אַהיימקומען אין די נאַכט שעה׳ן, האָבן זיך די מענטשן דערזען אין אַ פלאָנטער, און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע רופן צו די חברים אָרגאַניזאַציע מען זאָל די קאַרס קומען אַרויסשלעפן פון די שנייען.

זייענדיג אַ ״חברים״ מעמבער וועלכער איז אויסגעשטאַט מיט די כלים און מיט אַ שווערן ווען צו קענען אַרויסשלעפן מענטשן פון די שנייען און בלאָטעס, קען איך זאָגן, עס איז געווען יענע איבערקערעניש טאָג נאָך טאָג, און עס פלעגט מיך און מיינע קאָלעגן ״חברים״ מיטגלידער אָפּקאָסטן שעות ארוכות יעדע נאַכט באַזונדער, במלוא מובן המלה, אַרויסצושלעפּן קאַרס וואָס זענען שטעקן געבליבן ביים פאַרקן צופרי אין די שנייען אין דער איילעניש.

אָט דאָס אַלעס איז פאַרשוואונדן געוואָרן יעצט מיט׳ן נייעם ״פאַרק ענד רייד״ וועלכע איז געהעריג געפלאַסטערט און ווערט אַלץ אויפגעשאַרט פון די שנייען, און אַצינדער האָט מען מנוחה.

דעריבער וויל איך אויסדרוקן אַ דאַנק פאַר׳ן ווילעדזש פאַר׳ן אַהערשטעלן דעם ״פאַרק ענד רייד״ קאָמיוטער פאַרקינג לאַט וועלכע האָט פאַרגרינגערט סיי פאַר די וואָס רייזן מיט די באָסעס און אויך פאַר די ״חברים״ מיטגלידער און אַנדערע הילפס געבער וועלכע האָבן געדאַרפט די אויטאָס כסדר אַרויסשלעפן פון די בלאָטעס און שנייען ביי די ברעגעס פון די בלאָטיגע פעלדער אויף בעיקערטאַון ראָוד.

אייער פריינט.

י.ג.

***

### היטש נעמער דאַרפן האָבן איינזעעניש און געדולד

צו די מערכת פונעם צייטונג הקריה.

איך האָב געוואָלט מעורר זיין איבער אַ פראָבלעם ביים שטיין פאַר היטשעס וואָס שאַפט אָפטמאָל אַן עקסידענט געפאַר.

קרית יואל איז אַ שטאָט פון פיסגייער און מענטשן שטייען אָפט און וואַרטן פאַר היטשעס, אידן געבן גערן היטשעס, און עס טוט זיך אַ געוואַלד מיט חסד אויף דעם געביט, ווי עס פאַסט פאַר אַזאַ עיר החסד ווי קרית יואל.

סתם אַזוי איז דאָס נישט קיין פראָבלעם, אָפטמאָל מאַכט זיך אָבער אַז אַ היטש צענטער איז טאַקע דאָרטן וואו עס איז דאָ אַ סטאַפּ סיין. קאַרס שטעלן זיך אָפּ ביים סטאַפּ סיין ווייל לעגאַל דאַרף מען זיך אָפּשטעלן, אָבער מיינען בכלל נישט צו געבן אַ היטש וואָרום זיי קענען פאַר א סיבה נישט געבן קיין היטש אָדער ווייל זיי פאָרן אין גאָר אַן אַנדערן ריכטונג, (צב״ש פונעם קאָרנער ניקלסבורג ביי עצי תמרים בלויז צו טעטש אין די צייט די היטש נעמער ווילן אַראָפּפאָרן אין שטאָט; אָדער ביים ווינקל פון גאַרפיעלד ראָוד אין העיס קאָורט, ווען עמיצער פאָרט נאָר אַרויף צו טעילאָר קאָורט).

מאַכט זיך אַז תיכף ווען דער מאָטאָריסט שטעלט זיך אָפּ ביים סטאַפּ סיין ווערט דאָס דורך די היטש-נעמער אויסגעטייטשט ווי אַ סיגנאַל אַז מען האָט זיך אָפּגעשטעלט זיי צו געבן אַ היטש, און שלעפּן די טירן און טאַנצן אַריין אינעם אויטאָ. דאָס ברענגט אַז די וועלכע ווילן נישט אויפנעמען היטשערס און צו פאַרמיידן מען זאָל זיי נישט שלעפּן די טירן און אריינטאַנצן אין אויטאָ שטעלן זיי זיך נישט אָפּ ביים סטאַפּ סיין און פאָרן דאָס דורך שנעלערהייט.

איך בין נתעורר געוואָרן דאָס צו שרייבן נאָכ׳ן צוזען עטליכע מאָל שיער עקסידענטן ווען אויטאָס האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט ביים סטאַפּ סיין ביי די ערטער וואו עס איז אַ ״היטש ספּאַט״ און עס האָט שיער געברענגט עקסידענטן.

דעריבער וואָלט איך געראָטן די היטש נעמער צו זיין געדולדיג און וואַרטן אויף אַ ווינק פונעם מאָטאָריסט אַז מען קען טאַקע אַריינקומען ביי אים אין קאַר אַריין, און די מאָטאָריסטן זאלן זיין געווארנט נישט דורכצופאָרן קיין סטאַפּ סיין ווייל עס איז סכנת נפשות.

ידידכם י. ק. א. ה.

***

### זכר פון שריפת חמץ פייער אויפ׳ן סיידוואָק שווער אָפּצומעקן

אל כבוד דעם צייטונג הקריה

איך האָב שוין פאַראַיאָר געטראַכט פון אַריינשיקן אָט דעם בריוו, אָבער איך האָב זיך דערמאַנט ערשט נאָך פסח, איצטערט האָב איך זיך צוגעפּלייסט עס אַריינצושיקן באצייטנס כדי מענטשן זאָלן דאָס אינאַכט נעמען.

מענטשן דאַרפן נוצן שכל ביים אָנצינדן דעם שריפת חמץ פייער, אויב זענט איר דער ערשטער וואָס איר צינדט אָן דעם פייער ביטע צינדט דאָס אָן אויף אַ שטיק ערד, אַוועק פון די באַוואוינטע הייזער, און נישט אויפ׳ן סיידוואָק. די אורזאַך: עס בלייבט אַ מיאוס׳ער פלעק אויפ׳ן סיידוואָק וואָס זעט זיך אָן אַ שיינע פאָר מאָנאַטן.

עס איז דאָ מענטשן וואָס זענען עפּעס ווי מהדר זיך צו מאַכן אַן אייגענעם שריפת חמץ פייער, און עס מוז זיין דווקא וואָס נאָנטער צו זייער שטוב, און זיי מאַכן אַ פייער אויפ׳ן סיידוואָק וואָס מאַכט אַ שמוץ און אַ פלעק און איז אומנויטיג. דאָס מאַכן מערערע שריפת חמץ פייערן איז נישט קיין שום הידור, און עס איז בעסער וואָס ווינציגער.

מען קען זיך צוזאַמשטעלן עטליכע פייערן אויפאַמאָל און דאָס מאַכן דייקא אויף די ערד אָדער אַנדערע ערטער אַוועק פון די באַוואוינטע הייזער כדי עס זאָל נישט שטערן די שכנים און נישט איבערלאָזן קיין פלעקן. געדענקט, די סיידוואָק איז אַ רשות הרבים און איר האָט נישט קיין רעכט מזיק צו זיין דעם רבים צוליב אייער ווילן צו האָבן דעם שריפת חמץ פייער סמוך ונראה צו אייער דיינינג רום.

די אויפטוה וועט אויך זיין צו פאַרשפּאָרן איבריגע אַרבעט פאַר די מצילי אש פייערלעשער וואָס וועלן נישט מוזן פאַרברענגען אַזויפיל צייט צו קאָנטראָלירן און לעשן די מערערע שריפת חמץ פייערן. און געדענקט, די מצילי אש וואָלונטירן זענען אויך אידן וואָס האָבן אַ פאַרנומענעם ערב פסח, און עס איז נישט קיין שום מצוה זיי איבריג צו באַלעסטיגן מיט מערערע שריפות חמץ פייערן אויף יעדע ד׳ אמות.

אייער פריינט

ט. ר.

***

## רואה ואינו נראה...

**כאטש "איר זעט" די קאר ביינאכט, זעט אבער דער דרייווער אייך "נישט"!**

**דעריבער, היט אייך דאס אייגן לעבן, און טוט אן א רעפלעקטאר, כדי דער דרייווער זאל אייך קענען זען!**

## מעלדונג!

**אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן ווי אזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע אדער אויב איז אונזער אויסגאבע נישט אנגעקומען צו אייך אדער באקאנטע**

**ביטע פעקסט אריין אויף:**

**774-7945**

**אדער שיקט אריין אויף די פאסט:**

**Hakiryah 3 Chevron Rd. # 3-A, Monroe, NY 10950**

**אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג**

מיט שעצונג

**די רעדאקציע**



# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

**- קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט -**

# מודעה חשובה!

## דערמיט ווילן מיר מעלדן פאר די חשוב'ע איינוואוינער, אז אונזער "פאספארט אפטיילונג" שטייט גרייט אייך צו באדינען מיט

# אלע אייערע פאספארט געברויכן

## אין אפיס פון די ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט אין שאפינג סענטער

**– פאלגענד זענען עטליכע וויכטיגע אנווייזונגען ווען איר אפלייעט פאר א פאספארט –**

- ביטע מיטברענגען בוירט סערטיפיקעט, סאשעל סעקיורעטי קארד און א פיקטשער איי די, (עס איז ראטזאם מיטצוברענגען אלע אידענטיפיקאציע דאקומענטן).
- די וואס האבן שוין אמאל געהאט א פאספארט, דארפן אויך מיטברענגען דעם אלטן פאספארט.
- פאר קינדער וואס פארמאגן נישט קיין פיקטשער איי די, דארף מען מיטברענגען א פיקטשער איי די פון ביידע עלטערן, ווי אויך דארפן ביידע עלטערן אראפקומען פערזענליך.
- דאס געלט פאר די סטעיט דעפארטמענט דארף באצאלט ווערן דורך טשעק אדער מאני ארדער.

פאספארט בילדער ווערט געמאכט אויפן פלאץ

## – פאספארט פרייזן –

**U.S. Passport Book**

| | **Passport Fee !** Payable to Department of State | **Execution Fee !** Payable to Acceptance Facility | **Total ! Applicant Fee** |
|---|---|---|---|
| **Adults '¿Ä 5¿Á ½ !** (age 16 and over) | $110 | $25 | **$135** |
| **Adults 3½ ½ 4, !** (Applying with DS-82) | $110 | $0 | **$110** |
| **Minors !** (under age 16) | $80 | $25 | **$105** |

**U.S. Passport Card**

| | **Passport Fee** Payable to Department of State | **Execution Fee !** Payable to Acceptance Facility | **Total ! Applicant Fee** |
|---|---|---|---|
| **Adults '¿Ä 5¿Á ½ !** (age 16 and over) | $30 | $25 | **$55** |
| **Adults 3½ ½ 4, !** (Applying with DS-82) | $30 | $0 | **$30** |
| **Minors !** (under age 16) | $15 | $25 | **$40** |

## דער פאספארט אפטיילונג איז אפן אין די פאלגנדע זמנים:

**מאנטאג ביז דאנערשטאג:** פון 10:00 פארמיטאג ביז 4:00 נאכמיטאג

**פרייטאג:** פון 10:00 ביז 11:00 פארמיטאג

## פאר מער אינפארמאציע רופט אין ווילידזש אפיס: 783-8300 Ext. 2

מיט דאנק, **דער ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט**

# דעפּאַרטמענט אָוו מאָטאָר וויקל מאַכט גרינגער פאַר קליענטן ביים באַזוכן אין זייערע אָפּיסעס

(פאַרזעצונג פון זייט 4)

אָקטאָובער, נאָך די שאָדנס פון האָריקעין איירין און דעם טראָפּישן שטורעם לי. זינט דאַן מוזן אָראַנדזש קאַונטי איינוואוינער אָנקומען צו די מאָטאָר וויקל אָפּיסעס אין גאָושען און אין מידעלטאַון.

כדי צו פאַרגרינגערן פאַר די באַפעלקערונג, האָט די דעפּאַרטמענט אָוו מאָטאָר וויקלס געטוישט דעם סיסטעם. ביז יעצט ווען מען קומט אַריין אין די מאָטאָר וויקל אָפּיסעס דאַרף מען נעמען אַ טיקעט און וואַרטן ביז דער נומער ווערט גערופן, אַ זאַך וואָס קען נעמען אַ האַלבע שעה, און דאַן צוטרעטן צום אָנגעצייכנטן פענסטער. אָפטמאָל מאַכט זיך אַז מען האָט גענומען דעם נישט ריכטיגן טיקעט אָדער מען האָט נישט גוט צוגעגרייט די פּאַפּירן און מען דאַרף זיך פריש שטעלן אין די רייע און פריש וואַרטן.

דערפאַר האָט די דעפּאַרטמענט אָוו מאָטאָר וויקלס געמאָלדן אַז ביי די גאָושען און מידעלטאַון אָפּיסעס וועט מען דאָס טוישן, און ווען מען קומט אַראָפּ וועט מען תיכף קענען צוגיין צום ספּעציעלן "קאָסטומער סערוויס פענסטער", וואו אַ באַאַמטער וועט דורכקוקן אַלע דאָקומענטן צי אַלעס קלאַפּט און שטימט מיט גענויע אנווייזונגען, און וועט אַרויסגעבן דעם פּאַסיגן טיקעט לויט צו וועלכן באַאַמטן מען דאַרף רעדן אַזוי וועט די עגמת נפש פון דאָפּלטע וואַרטערייען פאַרשפּאָרט ווערן.

אויך האָט די סטעיט דעפּאַרטמענט אָוו מאָטאָר וויקל אָפּיס געמאָלדן, אַז אויב מען קומט רעגיסטרירן אַן אויטאָ און מען האָט נישט דעם אינשורענס קאַרטל מיט זיך, קען מען ביים אויבנדערמאַנטן פענסטער בעטן דעם פּעקס נומער פונעם אָרטיגן מאָטאָר וויקל אָפּיס, און אָנרופן די קאַר אינשורענס פירמע און בעטן אַז זיי זאָלן אַריינפּעקסן דעם אינשורענס קאַרטל, אַזוי אַז ווען איר וועט צוקומען צום פענסטער פונעם באַאַמטן וועט דאָס שוין וואַרטן גרייט אויף אייך.

אָט זענען די אַדרעסן פון די לאָקאַלע מאָטאָר וויקל אָפּיסעס:

Middletown Motor Vehicles
King Street 12
Middletown, NY 10940
845-346-1180
מאנטאג - דאנערשטאג 5:00-9:00

Newburgh Branch
Broadway 128
Newburgh, NY 12550
845-568-5230
מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך, און פרייטאג 5:00-9:00
דאנערשטאג 7:30-9:00
***




דער לאקאל פונעם "מאטאר וועהיקעל" אפיס אין מידעלטאון




דער לאקאל פונעם "מאטאר וועהיקעל" אפיס אין ניובערג

# "פּובליק סעיפטי שבת סטעישענס" אין צוויי עקן פון די שטאט אריין אין קראפט בשעטומ"צ

(פאַרזעצונג פון זייט 4)

געקענט דינען פאַר'ן גאַנצן שטעטל, צוליב וואָס עס איז זייער שווער פאַר די וועלכע וואוינען אין די ווייטער שכונות, ווי ברך משה און עצי תמרים, אָנצוקומען אַהין אויב דאַרפן זיי עפּעס הילף אום שבת אָדער יום טוב.

דעריבער האָט דער ווילעדזש אונטערגענומען די איניציאַטיוו און זיך אַריינגעלייגט מיט'ן קאָפּ און מוח, צו פּלאַנירן וויאַזוי אַהערצושטעלן פרישע בודקעס און וואו דאָס אַוועקצושטעלן אַז דאָס זאל זיין אויף א גוטן אָרט אַז וואָס מער מענטשן זאלן קענען אַהין אָנקומען צו בעטן הילף, דאס צושטעלן מיט אלע צוגעהערן ווי לעקטער און הייצונג אד"ג, און שאַפן די פאָנדן, און ענדליך מיט עטליכע מאָנאַטן צוריק האָט מען שוין אַלעס געהאַט גרייט, און צום פרייד פון די פילע תושבים אין די געגנטער, האָבן זיי מיטגעהאַלטן וויאַזוי די בודקעס ווערן אַוועקגעשטעלט און אויסגעשטאט מיט אלע צוגעהערן לשם ולתפארת, הנאה האָבנדיג אַז זיי וועלן שוין קענען געניסן פון די געטרייע סערוויסעס.

אַצינד, אַז די בודקעס זענען שוין אין קראַפט פאַר עטליכע וואָכן, הערט מען שוין צוריק גאָר פּאָזיטיווע גריסן פון צופרידענע איינוואוינער, וועלכע דערציילן וואָספאַראַ פּראָבלעמען עס האָט זיך געמאַכט פאַר זיי און וויאַזוי זיי האָבן גאָר גרינג געקענט גיין, נישט ווייט פון זייער הויז, און בעטן פאַר הילף. די איינוואוינער אין שכונת ברך משה און שכונת עצי תמרים זענען גאָר דאַנקבאַר פאַר די געטרייע ווילעדזש פירערשאַפט, וואָס טראָץ וואָס דער פּראָיעקט ציעט אַריין אין לאַנג-טערמיניגע אויסגאַבן מיט פרישע שטאַב וכדו', האָבן זיי דאָס אַהערגעשטעלט, פאַר די טובה פון די איינוואוינער.

# פּובליק-סעיפטי צענטראַלע סטאַנציע און פּאַרקינג לאַט אריין אין באַנוץ

(פאַרזעצונג פון זייט 4)

סיי ווער עס דאַרף עפּעס, און סיי מיט אַנדערע מאַשינען און טרעקלעך, וועלכע קומען שטאַרק צוניץ אין צייטן ווען די פּאַרקער ביים בית המדרש הגדול איז גרויס, און פאַר עמוירדזשענסי צוועקן.

דאָס האָט געברענגט שטאַרקע צופרידנהייט פון די איינוואוינער, ווייל מיט די ספּעציעלע טרעקלעך און עקוויפּמענט, קען מען גרינגער קאָנטראָלירט דעם טראַפּיק פּאַרקער און די קאָפּ-ווייי צו פאָרן מיט א קאַר אין אַזעלכע פאַרנומענע צייטן איז פיל קלענער. אָבער אין די זעלבע צייט האָט דאָס געברענגט א פּראָבלעם, וואָס מען איז שוין זייער באַקאַנט דערמיט אין קרית יואל קע"ה, און דאָס איז דער פּראָבלעם פון "אויסגעוואַקסן".

די פּובליק סעיפטי מענעדזשמענט האָט נישט געהאַט געהעריג קיין באַשטימטע אָרט וועלכע זאל קענען אַקאָמאַדירן און האָבן גענוג פּלאַץ צו קענען פּאַרקירן אַלע אויטאָס און טרעקלעך און די אלע עקוויפּמענט. דאָס האָט שטאַרק פאַרשווערט די אַרבעט און אָרדענונג פון די פּובליק סעיפטי און אירע ארבייטער, וואָס אַלס דירעקטע רעזולטאַט איז געווען שווערער זיך צוצושטעלן מיט אַלע סערוויסעס און פולקאָמע צופרידנהייט פון די איינוואוינער.

דעריבער האָט זיך דער ווילעדזש אַריינגעלייגט, און מיט גרויסע סייעתא דשמיא, טראָץ פאַרשידענע שוועריגקייטן ביים אָרט וואו מען האָט דאָס פּלאַנירט אויפצושטעלן, האָט מען באַוויזן אהערצושטעלן א ספּעציעלע סטאַנציע, שטאַרקע צוימען אַרום און אַרום, און א ספּעציעלע סעקיוריטי סיסטעם, אַז עס זאל זיין פולקאָם אויסגעשטאַט מיט די נויטיגע זאַכן פאַר'ן באַנוץ פון די פּובליק סעיפטי.

בקרוב וועט מען שוין אַהין פּאַרקירן אַלע אויטאָס און טרעקלעך, און מען וועט קענען געהעריג מענעדזשן אַז די אַלע ספּעציעלע עקוויפּמענט זאל שטיין פולקאָם גרייט פאַר סיי וועלכע צייט מען דאַרף עס נוצן, און איבערהויפּט שבת, ווען עס זענען פאַרהאַן מער פערסאָנעל אינעם פובליק סעיפטי און די קאָאָרדינאציע איז שווערער און מער קאָמפּליצירט

# צווייטע פאזע פון בנין "אשת חיל" וועט אי"ה צושטעלן נאך 60 פריוואטע שטיבער

(פאַרזעצונג פון זייט 1)

דער נייער געביידע וועט באשטיין פון נאך ארום 50,000 סקוועער פיס, וואס דאס איז אין צוגאב צו די בערך 50,000 סקוועער פיס פון די ערשטע געביידע, און מיט דעם וועט האפנטליך געלינדערט ווערן דער ענגשאפט וואס הערשט יעצט אין אשת חיל, ווען אסאך מאל דארף מען אפזאגן די געסט צוליב מאנגל אין פלאץ.

די הנהלה פון אשת חיל שפרינגט אריין אין אזא גרויסן פראיעקט, טראץ דעם וואס דאס וועט אריינציען אין גאר א קאסטבארן פארנעם. אנדערש ווי ביים ערשטן געביידע ווען מ'האט נאך געקענט באקומען גרויסע גרענטס פון די רעגירונג וואס האט ארויסגעהאלפן דערצו, איז אצינד זייער שווער די עקאנאמיע און די רעגירונג ציעט איין דעם פאסיג פון אלע זייטן און ס'איז שווער צו זאגן אויב מ'וועט קענען באקומען הילף פון די רעגירונג.

אבער די הנהלה ווערט נישט אנטמוטיגט דערפון. עד הנה עזרונו רחמיך, קרית יואל האט זיך שטענדיג געבויעט אויף ניסים, מ'האט זיך קיינמאל נישט מייאש געווען און אפגעשטעלט פון בויען צוליב א מאנגל אין געלט, ואל יטשנו לנצח, דער באשעפער וועט ווייטער נישט פארלאזן די הייליגע שטאט און העלפן אז מ'זאל קענען דערגרייכן דעם ציל פון פארברייטערן די שטאט.

# געהויבענע מעמד קביעות מזוזה וחינוך ביהמ"ד החדש "דברי יואל דקיט"ל" אויף פראג בולעווארד

## פייערליכער מעמד הכנסת ס"ת געפראוועט דורך מתפללי הביהמ"ד

(פארזעצונג פון זייט 3)

שמחה פון די שטאט מיט די הרחבת גבולי הקדושה אויף אזא שיינעם פארנעם בליעה"ר. דערנאך האט מען געהערט א דרשה פונעם מו"ץ הרה"ג רבי דוד יצחק שליט"א מיט פאסיגע ווערטער לכבוד המאורע.

מיט יראת הכבוד האט מען זיך צוגעהערט צו די דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, דער רבי האט ארומגערעדט איבער די שמחה אז מיט'ן פארברייטערונג פון די שטאט ווערן אויך נתרחב די רוחניות'דיגע געברויכן להגדיל תורה ולהאדירה, באזונדער האט דער רבי ארומגערעדט איבער דאס ממנה זיין דעם חשוב'ן מו"ץ הביהמ"ד, וואס איז א געוואלדיגע זאך אז דער ביהמ"ד זאל פארמאגן א מורה הוראה צו יעדע צייט. בתוך הדברים האט דער רבי אויך ארומגערעדט פון ק"ז הגה"ק בעל עצי חיים זי"ע וואס די יומא דהילולא איז אויסגעפאלן יענעם אויפדערנאכט.

דערנאך האט מען געדאווענט מעריב, וואו דער רבי שליט"א האט יורד געווען לפני התיבה לרגל די יומא דהילולא פונעם זיידן זצ"ל, און דער עולם איז זיך צוגאנגען מיט געהויבענע געפילן שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה.

דער שמחת פתיחת הביהמ"ד האט ווייטער פארגעזעצט ווען גלייך ביים ערשטן שבת איז מיט גרויס פייערליכקייט אפגעהאלטן געווארן דער מעמד "הכנסת ספר תורה" וואס איז אריינגעגעבן דורכ'ן נדבן הביהמ"ד הרה"ח ר' משה מרדכי מייערס הי"ו.

שבת אינדערפרי נאך שחרית זענען די מתפללי ביהמ"ד ארויסגעגאנגען צום שטוב פון הרה"ח ר' משה מרדכי הי"ו, פון וואו די ספר תורה איז געפירט געווארן בשירה וזמרה מיט פייערליכע ריקודין לכבוד התורה, ביז עס איז אריינגעפירט געווארן בהיכל הביהמ"ד וואו מען האט ממשיך געווען בשירה וזמרה א שטיק צייט.

דערנאך האט דער חשוב'ער מו"ץ הביהמ"ד פארגעזאגט לדוד מזמור, און מען האט תיכף מחנך געווען די נייע ספר תורה ליינענדיג די קריאה דיומא אין די פרשה פון שירת הים.

די שמחה איז גאר גרויס ביי אלע תושבי הקריה, און יעדער באוואונדערט דעם געדאנק, וואו ביי יעדע נייע דעוועלאופמענט ווערט אהערגעשטעלט א באזונדערע ווינקל צו דינען אלס ביהמ"ד פאר די איינוואוינער, און יעדער דעוועלאפער מאכט עס אלס א חלק פונעם פראיעקט, זעענדיג ווי עס ווערט נתרחב די גבולי הקדושה מיט נאך א מקום תורה וואו דער ביהמ"ד דברי יואל וואס פארשפרעכט צו זיין א הערליך ווינקל פאר תורה ותפילה אין די שטאט, וואו די ארטיגע איינוואוינער וועלן קענען קובע זיין שיעורין תמידין לתורה ועבודה.

# מיטינג פארגעקומען מיט ארומיגע שכנים איבער וואסער פייפליין

(פארזעצונג פון זייט 1)

פראיעקט איז פאראנטווארטליכט אריינצוגעבן דעם פונקטליכן קאנסטראקשען פלאן פאר די "אראנדזש קאונטי הייוועי דעפארטמענט" און די "ניו יארק סטעיט טראנספארטעישאן דעפארטמענט", מיט די פוקנטליכע פרטים פון די טעג און שעה'ן וואס די ארבעט וועט דורכגעפירט ווערן, און זיי וועלן דאס דארפן באשטעטיגן בעפאר די ארבעט ווערט אנגעהויבן.

אויך האט מען באהאנדלט דאס פארריכטן די ראודס נאכ'ן אויפגראבן, און מאכן זיכער אז יעדן טאג נאך די ארבעט זאלן אלע ראודס זיין אפן, לכה"פ איין לעין, כדי נישט צו שטערן די איינוואוינער וואס באנוצן זיך מיט די ראודס.

אויך האט מען געזאגט פאר די באאמטע, אז די פירמע וואס בויעט דעם פייפליין וועט זיין פאראנטווארטליכט צו פארריכטן אלע גערטנער, דרייוו-וועיס, ווענט, שפאציר-וועגן, קוירבס, סיידוואקס, צוימען, פאסט-באקסעס, וואס ווערן געשעדיגט אדער אוועקגענומען במשך די ארבעט, און בכלל אפריניגן דעם קאנסטראקשען פלאץ פון שמוץ און אפפאל פון די בוי-ארבעט.

א באזונדערע שמועס פאר זיך איז געווען דאס באשיצן די ענווייראנמענט, און וואס די קאנסטראקשען פירמע וועט אלץ טון אז די ארבעט זאל נישט אפעקטירן די וואסער און די לופט אין די געגנט, אפהיטן די ביימער, און אלעס זאל געטון ווערן לויט די פארשריפטן פון די "ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו ענווייראנמענטאל קאנסערוועישאן".

דערנאך האבן די באטייליגטע געהאט א געלעגנהייט צו פרעגן פארשידענע שאלות פון די אינזשענירן, וואס זיי האבן גערן געענטפערט און אויסגעשמועסט. רוב פון די שאלות זענען געווען איבער'ן דעזיין און איבער די פערמיטס וכדומה.

די ווילעדזש אוו וואודבארי האט געפרעגט צי זיי קענען באקומען א קאפיע פון די ענדגילטיגע פלענער, אז זיי זאלן דאס קענען נוצן בשעת די קאנסטראשען ארבעט צו וויסן פון פאראויס וואו מ'גייט ארבעטן. די אינזשענירן האבן געענטפערט אז ווארשיינליך וועט נישט זיין קיין פראבלעם דאס צוצושטעלן, נאכדעם וואס מ'וועט האבן די ענדגילטיגע ביד פלענער.

דער פאליציי שעף פון ווילעדזש אוו וואודבארי האט געבעטן אז בשעת די קאנסטראקשען ארבעט גייט אן און מ'דארף האבן פאליציי צו קאנטראלירן די טרעפיק, זאל מען זיך באנוצן מיט זייערע פאליציי. דער פארלאנג וועט אויסגעשמועסט ווערן ביים קומענדיגן "פראדזשעקט מיטינג" פון די אינזשענירן מיט'ן ווילעדזש.

די מיטינג איז ב"ה געקרוינט געווארן מיט סוקסעס. אז כאטש אין דער פארגאנגענהייט זענען זיי געווען דערקעגן און פרובירט אפצוהאלטן דעם פייפליין פראיעקט אויף אלע שטאפלן, אבער אזוי ווי יעצט זענען שוין די אלע לעגאלע געפעכטן געווארן געשלאסן מיט די אורטיילן פון די ריכטער, און מען האלט שוין פאר די פאקטישע ארבייט, זענען זיי געקומען צו א געמיינזאמע מיטינג צו קענען מיטהאלטן די אנטוויקלונגען, און זיין אינפארמירט איבער די בעפארשטייענדע פלענער.




**מאפע פון די ערשטע מייל פונעם "וואסער פייפליין", וואו מ'גרייט זיך בקרוב אנצוהייבן בויען אי"ה**

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin



**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reizman


# חמירא סכנתא מאיסורא

## אין ליכט פון עטליכע שרעקליכע אינצידענטן

## טוען מיר נאכאמאל אויפמערקזאם מאכן
## פאר די חשוב'ע דרייווערס אז

## די גאס פון גארפילד ראוד

## אנגעהויבן פון אוהעל קט. ביז דעם בנין מבצר הכוללים

## איז אויסדרוקליך נאר א ONE WAY

## מיט'ן פארן אויפ'ן פארקערטן ריכטונג, שטעלט איר אריין
## אייך און אנדערע אין א סכנה ה"י!!!

עס זענען געלייגט געווארן ספעציעלע טאוולעך צו דערמאנען די דורכפארנדע

**עס איז דער אחריות פון יעדן איינעם בלי יוצא מן הכלל**
**אויסצופאלגן די אלע געזעצן**

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע

**די ווילידזש**

# איזהו חכם הרואה את הנול"ד כבר...

## עטליכע ערנסטע עקסידענטן האבן
## ליידער פאסירט אין די לעצטע וואכן,
## אין די פינסטערניש פון די נאכט!

**לערנט אייך פון זיי, ווי איידער איר זאלט זיך**
**ח"ו לערנען אויף אייך אליין...**

# !!!!! טוט אן א "רעפלעקטאר" !!!!!

## כדי דער דרייווער זאל אייך קענען זען פונדערווייטענס!

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin


**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


**-קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט-**

## לתועלת הרבים!

**מיר ווילן מודיע זיין פאר'ן חשוב'ן ציבור אז עס איז דא א ספעציעלע נומער**
**וואו איר קענט אריינרופן איבערקוקן צו אייער לייסענס איז אין ארדענונג**

די נומער איז:

**518-474-0841**

מען קען רופן דעם נומער פון מאנטאג ביז פרייטאג פון 8:00 אינדערפרי ביז 4:00 נאכמיטאג.

**עס איז וויכטיג צו וויסן! עס מאכט זיך אפט אז מען האט פראבלעמען מיט די לייסענס און מען ווייסט נישט דערפון;**

**זייט געווארענט! דרייוון מיט סוספענדירטע לייסענס איז אומלעגאל, די פאליציי קען ארעסטירן דערפאר און אוועקנעמען דעם קאר**

**די קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט**

# How Can I Benefit from Komputer Kiosk?

## Especially Designed for:

**City Business Owners:**
That don't travel on weekends

**Men:**
Part-time computer related jos

**Women:**
Shop on line

**Store Owners:**
On Ebay, or order merchandise by web

**Students:**
Online training

And more...

### Personal

- Order a product online
- Purchase travel tickets
- Get directions
- Copy/transfer Data
- Check your email
- Type a letter
- Make a credit card payment
- Find an address/ phone number

### Business

- Print an important document
- Spreadsheet analysis
- Bookkeeping
- Check your credit report

### Leisure

- Empty your camera card
- Print a poem
- Plan your vacation
- Set up your iPod

Komputer Kiosk

For More Details:
845.395.0052

KJ BUSINESS CENTER SUITE 402 - 48 BAKERTOWN RD.

Grand Opening Monday Dec. 6 | Chanukah Hours: 9:00 am - 5:00 pm | Regular Hours 8:00 am - 12:00 am

Dart Design | 845.782.6558

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL
## BUS TRANSPORTATION SCHEDULE
(845) 783-8300 x14

## LOCAL ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 9:00 AM until 6:30 PM
**Friday:** from 9:00 AM until 1:00 PM - **Summer Months:** until 2:00 PM
**Sunday Winter Months:** from 10:00 AM until 6:30 PM
**Sunday Summer Months:** from 11:00 AM until 6:30 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

### ODD HOURS
**9:00-11:00-1:00-3:00-5:00**

- Toltchav by Dinev :00
- Kahan by I. Zupnick
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Forest by Mountain :05
- Forest by Senior Citizens
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :09
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway :10
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Schunnemunk by Forest
- Liznsek (Drop Off)
- Koznits
- D.A. Wieder :15
- Seven Springs
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow :20
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :23
- Chevron (Aishes Chayil)
- Taitch :25
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Shopping Center :35
- Garfield
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Acres - Krolla
- Acres & Lemberg :38
- Acres - Satmar
- Zupnick
- Meron by Kahan :40
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Leipnik & Tevrya
- Bussines Center :42
- Girl's School - I. Zupnick
- Kahan by I. Zupnick :45
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla :48
- Acres by Forest
- Shopping Center :00

### EVEN HOURS
**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

- Shopping Center :00
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Taylor by Boy's School
- Hayes by Forest :05
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres :09
- Acres by Israel Zupnick
- Getzel Berger
- Meron (Filmore-Kalev Short cut) :10
- Leipnik & Tevrya
- Bussines Center :13
- Israel Zupnick by Kahan :15
- Israel Zupnick by Acres
- Acres by Lemberg
- Acres by Krolla
- Mountain & Karlin
- Sasev & Volova :18
- Taitch
- Chevron (Aishes Chayil) (Drop Off) :20
- Nickelsburg & Tzfas
- Mezabish
- Krakow :25
- Ruzhin
- Mountain View
- Seven Springs
- D.A. Wieder :30
- Koznits by Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :40
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Forest by Acres
- Satmar by Krolla :45
- Satmar by Hayes
- I. Zupnick by G. Berger :48
- Getzel Berger
- Kahan by I. Zupnick
- Toltchav by Dinev :00

## WALMART ROUTE
## TOWN ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 10:00 AM until 7:15 PM
**Friday:** from 10:00 AM until 2:00 PM **Summer:** 3:00
**Sunday:** from 11:00 AM until 6:00 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

### ODD HOURS
**11:00-1:00-3:00-5:00-7:00**

- Shopping Center :00
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Taylor by Boy's School (Drop Off)
- Hayes by Forest :05
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Forest by Acres
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres :08
- Acres by Israel Zupnick
- Israel Zupnick by Kahan
- Girl's School-Bakertown
- Toltchav by Dinev :13
- Park & Ride :15
- Target :18
- Wal-Mart :20
- Spring St.
- Main by Franklin St.
- D.A. Wieder :30
- Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :40
- Seven Springs
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :45
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Acres
- Acres & Lemberg :48
- Bakertown
- Toltchav by Dinev :00

### EVEN HOURS
**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

- Toltchav by Dinev :00
- Israel Zupnick
- I. Zupnick by Kahan
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Acres by Forest
- Forest by Mountain :05
- Mountain & Karlin
- Sasev & Volova
- Taitch
- Chevron (Aishes Chayil)
- Nickelsburg & Tzfas
- Mezabish
- Krakow :08
- Ruzhin
- Mountain View
- Seven Springs
- Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :15
- Van Buren by Garfield
- Rimenev by Quickway
- Forest by Quickway
- Forest by Preshburg
- Forest by D.A. Wieder :16
- 17-M
- Lake Rd. (Drop Off)
- Stage Rd.
- Spring St.
- Target :27
- Wal-Mart :30
- Toltchav by Dinev (Drop Off)
- Meron-leipnik :40
- Kahan by Israel Zupnick :45
- Israel Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Acres by Forest :50
- Forest by Mountain
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :00

## WOODBURY COMMON

**The route operates Monday through Thursday:**
from 9:15 AM until 6:20 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

### ODD HOURS
**9:30-11:30-1:30-3:30-5:30**

- Shopping Center :30
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Hayes by Forest
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain :35
- Forest by Acres
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres
- Acres by Israel Zupnick
- Israel Zupnick by Getzel Berger
- Getzel Berger
- Getzel Berger by Kahan :40
- Girl's School - Israel Zupnick
- Toltchav by Dinev :42
- Bakertown
- Park & Ride
- Dundenberg
- Rt. 32 (Drop Off)
- **Woodbury Common** :00
  (Shortline Bus Stop) on the Even hours
- Dundenberg
- Spring St.
- Main St
- Franklin Av.
- D.A. Wieder :11
- Toby
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas
- Chevron (Drop Off) :15
- Taitch
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin :18
- Forest
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :30

### EVEN HOURS
**10:30-12:30-2:30-4:30**

- Shopping Center :30
- Forest by Quickway
- Forest by Preshburg
- D.A. Wieder :31
- Toby & Mountanview
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :35
- Chevron (Aishes Chayil)
- Taitch
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Forest by Acres :38
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres
- Acres by Israel Zupnick :40
- Israel Zupnick
- Kahan
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Leipnik & Teverya
- Park & Ride :42
- **Woodbury Common** :00
  (Shortline Bus Stop) on the Odd hours
- Dundenberg
- Park & Ride
- Lipnick & Teverya :06
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Kahan
- Israel Zupnick by Kahan
- Toltchav by Dinev :10
- Girl's School, Bakertown :15
- Israel Zupnick by Getzel Berger
- Acres by Israel Zupnick
- Satmar by Acres
- Satmar by Siget
- Satmar by Hayes
- Krolla by Satmar
- Forest by Acres
- Forest by Mountain :18
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :30

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL
## TRANSPORTATION DEPARTMENT
# טיקעט אינפארמאציע

**מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען די חשוב'ע רייזענדע, אז מיר האבן צוגעשטעלט טיקעט ביכלעך**
**פאר'ן באקוועמליכקייט פון די רייזנדע, וואס וועט ערמעגליכן צו באקומען בעסערע פרייזן,**
**און נישט קיין חילוק וויפיל געלט איר האט וועט איר שטענדיג קענען באצאלן פאר א ביכל:**

**פאר $2**
באקומט איר טשעינדזש 50 צענט טיקעט,
וואס איר קענט נוצן קומענדיגע מאל
מיט א דאלאר.

**פאר $5**
באקומט איר א ביכל
פון 3 טיקעטס
און א 50 צענט טיקעט

**פאר $10**
באקומט איר 2
פון די $5 ביכלעך

**פאר $15**
באקומט איר א ביכל פון 11
טיקעט'ס. - ד.ה. אז איר באקומט
איין טיקעט אומזינסט

**פאר $20**
באקומט איר א $15 ביכל
מיט א $5 ביכל
ד.ה. אז איר באקומט
איין טיקעט אומזינסט

**פאר $30**
באקומט איר א ביכל
פון 23 טיקעטס
ד.ה. אז איר באקומט
3 טיקעטס אומזינסט




**קויפט א $30 ביכל**
און צאלט נאר
**$1.30 פער טיקעט**
$1.50 אנשטאט

אויב פארט איר קיין
**וואודבערי קאמען** אדער **וואל מארט**
דאן צאלט נאר
**$2.60** (2 טיקעט'ס)
**אנשטאט $3**

## אכטונג!
**מאכט זיכער אז איר באצאלט אייביג,**
**און איר בלייבט נישט שולדיג**
**און נישט מיט קיין קרעדיט**

מיט דאנק
**ווילדזש טראנספארטאציע דעפארטמענט**

## געדענקט:
**אז איר ווילט זיך שפארן $4.50,**
**קויפט די $30 ביכל,**
**וואו איר באקומט 3 טיקעטס אומזיסט.**

**וואודבארי-קאמען רוט/וואל-מארט רוט:**

| | |
|---|---|
| ערוואקסענע: | $3.00 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): | $1.50 |
| קינדער אונטער 3 יאר | פריי |

**לאקעל רוט / טאון רוט:**

| | |
|---|---|
| ערוואקסענע: | $1.50 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): | 75 סענט |
| קינדער אונטער 3 יאר | פריי |

**אכטונג!**
דער דרייווער האט נישט צו געבן קיין טשעינדזש פון קיין שום סכום,
בלויז טיקעט.
די ביכלעך קענט איר אליינס נוצן אדער אוועקגעבן פאר א צווייטן,
און ס'עקספייערט נישט.

אין חגאות, אדער אין א שלעכטע וועטער
רופט: 2-4-1 783-8300
פאר סקעדזשול טוישונגען

# מאפע פון די לאקעל רוט אין קרית יואל

די באס פארט אלעמאל אויף די זייט וואו עס זענען אנגעצייכנט די שפיצן פון די פיילן (עראוס)



KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

TRANSPORTATION DEPARTMENT

בס"ד

# ונשמרתם מאד לנפשותיכם

שטייענדיג אין די ווינטער חדשים ווען די סקול באסעס
קורסירן אין די גאסן ווען עס איז שוין טונקל

**טוען מיר נאכאמאל דערמאנען און אויפפאדערן**
**דעם גאנצן ציבור, מענער און פרויען, יונג און אלט**

# צו גיין מיט א רעפלעקטאר!

**ס'איז ממש סכנת נפשות עס צו פארנאכלעסיגן!**



אין די טונקלקייט פון די נאכט איז ממש
אוממעגליך צו באמערקן קינדער און אפי' ערוואקסענע
וואס גייען נישט מיט קיין ריפלעקטאר



**ספעציעלע בקשה צו די עלטערן:**

עס איז אייער פליכט און אחריות צו מאכן זיכער אז די קינדער
גייען אנגעטאן מיט רעפלעקטארס אויף זייערע מאנטלען.

וה' ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום

מיט דאנק
**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**